STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 02170

PERESPEKTIVN FUN BUND

Rafal Federman

•

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol
of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from
a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights
in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain
or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified.
If you hold an active copyright to this work – or if you know who does –
please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

פערספעקטיוון פון „בונד"

געדאַנקען און מיינונגען צום 70־יאָריקן יובל פון „בונד"

פון

רפאל פעדערמאַן

PERSPECTIVES OF THE "BUND"

Thoughts and opinions on the 70th Anniversary of the "BUND"

by RAFAL FEDERMAN

New York, 1968

Published by:
RAFAL FEDERMAN
175 East Broadway
New York, N. Y. 10002

Printed in the U. S. A. by
KNIGHT PRINTING CORPORATION
382 Lafayette Street, New York, N. Y. 10003
96

פאָרוואָרט

„אין אַנבליק פון די לעצטע געשעענישן אין דער וועלט באַשטעטיקט זיך דער געדאַנק, אַז ווען דער „בונד" וואָלט ביים היינטיקן טאָג ניט עקזיסטירט — הגם זיינע קעגנער זאָגן אים שוין לאַנג אָפּ דעם לעבן — וואָלט מען אים געדאַרפט איצט אויפסניי גרינדן. איז גוט, וואָס ער עקזיסטירט און פייערט איצט זיין 70־יאָריקע עקזיסטענץ".

אַזוי האָט געזאָגט דער קאָמענטאַטאָר אויף איינער פון די בונדישע ראַדיאָ־אוידיציעס רופנדיק צו פייערן דעם 70־יאָריקן יובל פון „בונד." כ'וואָלט געווען דער גליקלעכסטער מענטש, ווען איך זאָל קענען אונטערשרייבן זיך אונטער דעם דאָזיקן רוף און קענען איבערצייגן אויך אַנדערע אין דער ריכטיקייט פון דעם געדאַנק. צום באַדויערן איז דער צווייטער טייל פונעם געדאַנק ניט מער ווי אַ ווינטשפינגערל.

ווי איינער וואָס איז יאָרן לאַנג פאַרבונדן און איז אַן אינטעגראַלער טייל פון „בונד", וואָלט איך אים געוואָלט זען אויך היינט — ווי כ'האָב אים געזען מיט אַ האַלבן יאָרהונדערט צוריק — אין זיין גלאָררייכן פונאַנדערבלי ווי אין זיין פעריאָד אין פוילן, וואו ער האָט געשפּילט אַזאַ וויכטיקע נאַציאָנאַל־סאָציאַלע און פּאָליטישע ראָלע אין דעם געזעלשאַפטלעכן יידישן לעבן.

אַלע לויב־געזאַנגען, וואָס די אָנהענגערס — און אַפילו קעגנערס — פון „בונד" האָבן געזונגען פאַר זיין היסטאָריש־פאַרגאַנגענער טעטיקייט, האָט די בונדישע באַוועגונג זיך כשר פאַרדינט. מיט מיין גאַנצן וועזן און נשמה וועל איך זיך באַטייליקן אין דעם יובל־יאָר. אָבער פייערנדיק די פאַרגאַנגענע אויפטוען פון „בונד" מיינט ניט אַז איך בין מסכים מיט זיין איצטיקער שטעלונג, ריכטיקער געזאָגט — מיט דער שטעלונג פון זיינע איצטיקע פירערס צו די היינטצייטיקע פּראָבלעמען פון יידיש־געזעלשאַפטלעכן לעבן.

און נאָר דערפאַר, וואָס איך וויל ניט אַז אַלע פאַרדינטע לויב־געזאַנגען

פאַרן „בונד" זאָלן חלילה אָפּגעשוואַכט ווערן דורך דער איצטיקער פּריוו־ציפּיעלער שטעלונג מצד דער פירערשאַפט צו די יידישע פאָלקס־פּראָבלע־מען — נאָר דערפאַר הייב איך אויף מיין קול. און דאָס איז מיין איינציקע כונה. דער „בונד", וואָס איז געווען אַזוי פאַרוואָרצלט אין יידישן לעבן, טאָר ניט ווערן אויסגעוואָרצלט אין דער צוקונפט. אַז אַזאַ סכנה דראָעט אים, זאָגן עדות די וואָרן־סיגנאַלן, ווי כ׳וועל פּרוּוון אַרויסברענגען אין דעם חשבון הנפש. עדות וועלן זיין די פאַקטן פון דער לעצטער צייט.

***

ווען איינער קומט אַרויס עפנטלעך מיט אַ געשריי, אָדער קריטיק, איז ער מחויב — ווי ס׳פירט זיך — וויזן זיין אידענטיפיקאַציע־קאַרטל, אַפילו ווען אַ סך מענטשן קענען אים אָן לעגיטימירן זיך.

ס׳איז אפשר ניט אָנגענומען אַז מענטשן זאָל פריער אויסרעכענען, וואָס זיי זיינען ניט, אָנשטאָט באַלד אויסצורעכענען וואָס זיי זיינען יאָ, כ׳וועל עס אָבער טאָן אָן אָנשטעל און דערקלערן:

איך בין ניט קיין פּראָפעסיאָנעלער שרייבער און וואָרט־זאָגער, איך בין נישט קיין פירער, צי אונטערפירער, נישט קיין זשורנאַליסט און אַפילו נישט קיין רעדנער.

איך בין אָבער יאָ אַ יידישער פאָלקסמענטש — וואָס איך באַטראַכט פאַר אַ כבוד צו זיין. כ׳האָב יאָ אָנגעשריבן אַ טייל, רעדאַגירט און אַרויס־געגעבן אַ בוך — „טשענסטאָכאָווער יידן", וואָס איז דערשינען אין 1947, און אַ בוך „טשענסטאָכאָוו", וואָס איז דערשינען אין יאָר 1958, אַ יאָר נאָך דעם ווי ס׳איז אַרויס מיין אייגן בוך „ביי די טייכן וואַרטע און איסט ריווער." מיט די דאָזיקע ביכער האָב איך אויפגעשטעלט אַ מצבה דער טראַגיש־אומגעקומענער יידישער קהילה פון מיין היים־שטאָט טשענסטאָכאָוו, וואָס די דייטשן האָבן פאַרלענדט בעת דעם דריטן חורבן אויף מיין פאָלק.

אין דער אַלטער היים — אין פּוילן — אין טשענסטאָכאָוו, וואַרשע, בין איך נישט געווען פון די שווייגערס אין יידישן כלל־לעבן. פון מיין פריסטער יוגנט אָן בין איך געווען מיט לייב און לעבן פאַרבונדן מיט דער אַרבעטער־באַוועגונג. און לשם אינפאָרמאַציע מעג מען דאָ אָנגעבן אַז כ׳בין געווען דער רעדנער, פּובליציסט, קעמפער און אַפילו דער רעדאַקטאָר פון „אַר־בעטער צייטונג" (1903) און „טשענסטאָכאָווער וועקער", ווען מיין געזעל־

שאַפּטלעכע טעטיקייט האָט עס געפאָדערט. פון דעם אַליין קען קלאָר ווערן אַז איך בין נישט פון די שוויגערס, באַזונדערס ווען דאָס גערייד איז וועגן יידיש-געזעלשאַפטלעכע פּראָבלעמען.

אַנטשוויגן געוואָרן געזעלשאַפטלעך בין איך נאָכן אויסברוך פון דער צווייטער וועלט-מלחמה, ווען ניט דער מענטש און די וועלט אַליין האָט זיך געענדערט, נאָר אויך די פּראָבלעמען, די אידעאַלן פון יחיד און פון דער מאַסע האָבן זיך געענדערט.

כ'בין אויסגעוואָרצלט געוואָרן פון מיין ברויזנדיקן געזעלשאַפטלעכן לעבן נאָך דעם ווי כ'בין געבראַכט געוואָרן קיין אַמעריקע קעגן מיין ווילן. אַהער קומענדיק האָב איך נישט געחלומט אַפילו, אַז דאָ וועט ווערן מיין שטענדיקע היים פאַר דעם רעשט פון מיין לעבן. און פאַרשטומט בין איך דאָ געוואָרן הויפּטזעכלעך איבער דעם שולד-געפיל, וואָס כ'האָב פאַרלאָזט אין אַזאַ קריטישן מאָמענט די יידישע אָרעמקייט, וועמען כ'האָב אַ העלפט פון מיין לעבן געטריי געדינט. דאָס פאַרוואָרצלען זיך אין אַמעריקע — אין דער נייער היים — איז מיר אָנגעקומען שווער, כ'האָב איבערגעלעבט אַנטוישונגען נאָך אַנטוישונגען. די זאָרג פאַרן פאַרבליבענעם דאָרטן איז מיר נאָכגעגאַנגען דורך די טעג און דורך אַ סך שלאָפלאָזע נעכט. כ'האָב געלעבט גייסטיק מיטן נעכטן.

אין אַט דער צייט פון געזעלשאַפטלעכן שוויגן און זיין מיט זיך אַליין האָב איך עס געווידמעט מיין פּריוואַט-לעבן אַרויסצוגעבן די אויבן-דערמאָנטע ביכער — דעם דענקמאָל נאָך טשענסטאָכאָוו. אין די דאָזיקע ביכער האָב איך אַרויסגעבראַכט די גלאָררייכע טעטיקייט פון דער בונדישער אָרגאַניזאַציע אין טשענסטאָכאָוו, באַשריבן די מאַסן אומגעקומענע „אומבאַקאַנטע זעלנער" — אַקטיווע „בונד"-טוערס, זיי זאָלן פאַרבלייבן פאַר דער געשיכטע פון „בונד".

די בונדישע פּליטים און זייער אָרגאַניזאַציאָנעלער געראַנגל

די גרויזאַמע צווייטע וועלט-מלחמה האָט איבערגעריסן דעם נאָרמאַלן גאַנג פון וועלט-סדר, ווען נאַצישע האָרדעס האָבן צעטראָמפּלט לענדער און פעלקער. און פּונקט ווי די געשיכטע פון דער וועלט, אַזוי אויך איז די געשיכטע פון „בונד" ברוטאַל איבערגעריסן געוואָרן.

די לעבן־געבליבענע אידעאַליסטיש־געטרייע בונדיסטן פון פּוילן זיינען פאַרוואָגלט געוואָרן אין פאַרשיידענע לענדער פון גאָר דער וועלט. זייערע טראַגישע איבערלעבונגען בעת דעם דריטן חורבן זיינען מיטגעפאָרן מיט זיי אויף זייער באַשערטן וואָגל־וועג. פאַר די אויגן זיינען כסדר געשטאַנען: די חורבות פון זייערע געבוירן־ערטער, צעריסענע משפּחות, מאָרד און גאַז און קרעמאַטאָריע, וואָס די היטלעריסטישע מאַסן־מערדערס האָבן גענוצט אויף צו פאַרפּייניקן און אומצוברענגען די ליבסטע און נאָענטסטע; די טורמעס און פאַרשיקונגען פון די סאָוועטישע רעטערס, די פאַרמאַכטע טויערן צו די אַמעריקאַנער לענדער — ווען מען האָט נאָך געקענט אָפּראַטעווען גרויסע טיילן פון אונדזער פאָלק — און דער צעבראָכענער גלויבן אין די הומאַניטאַרע אידעאַלן פאַר וועלכע מען האָט געלעבט און געקעמפט. מיט אָט דעם „באַגאַזש" האָבן די געראַטעוועטע בונדיסטן — איטלעכער יחיד באַזונדער — אָנגעהויבן בויען פון דאָס ניי זיין אויסגעוואָרצלטן לעבן.

ווי דערפאַרענע טוערס און קעמפערס־בונדיסטן האָבן אָט די אָפּגעראַטעוועטע אויך מיטגעבראַכט — וואו נאָר זיי זיינען אָנגעקומען — זייער גרייטקייט ווייטער צו בויען. די פאַרגאַנגענהייט פון „בונד" אין פּוילן, די טעאָריע און די בוי־מעטאָדן האָבן געדינט ווי וועגווייזערס אויף דעם פרעמדן באָדן אין די נייע לענדער וואו זיי האָבן איינגעוואַנדערט.

אָבער — דאָס באַנייטע לעבן נאָך דער קאָלאָסאַלער וועלט־קאַטאַסטראָפע האָט געשאַפן נייע באַדינגונגען, נייע פּראָבלעמען און נייע פאָדערונגען און רעאַלע אויפגאַבן פאַר יעדן פאָלק און לאַנד און גאָר באַזונדערס פאַרן יידישן פאָלק, זיינע נויטן און זיינע געזעלשאַפטלעכע טעטיקייטן — במילא אויך פאַר דעם „בונד".

אין אַ רייע לענדער האָט די בונדיסטן זיך איינגעגעבן צו העלפן אויפבויען וויכטיקע געזעלשאַפטלעכע קולטורעלע אָרגאַניזאַציעס און אינסטיטוציעס. מיט דעם אויסגעפּרוווטן בונדישן אידעאַליזם האָבן זיי געהאָלפן שאַפן — אין די פאַר זיי נייע יידישע ישובים — נאָך שולן, זשורנאַלן און פאַרלאַגן און האָבן משפּיע געווען דעם אַלט־איינגעזעסענעם ישוב מיט זייער גרייטקייט צו אַרבעטן און בויען איבעראַנייס. אָבער אַלץ לויטן אַלטן איינשטעל און לויט אַלטע פאָרמולעס.

ערגעץ אינעם געראַנגל און געוואַנדער האָט זיך אָבער אָפּגעשטעלט ביי טייל בונדיסטן דער קאַלענדאַר און מען האָט זיך געקלאַמערט אין גלאָרייכן עבר, און בלויז אין עבר, ביים בויען דעם וויטערדיקן היינט. און דער מאָרגן? דער מאָרגן איז בכלל פאַרשוואונדן פון זייערע אויגן. ווי די וועלט

וואָלט געווען סטאַטיש און קיין זאַך האָט זיך ניט געענדערט און ענדערט זיך ניט.

לאָמיר אין קורצן אַ בלעטער טאָן דעם נעכטן.

די גרונד־פּרינציפּן פון „בונד" אין פאַר־מלחמהדיקן פּוילן זיינען געווען: סאָציאַליזם, אינטערנאַציאָנאַלע סאָלידאַריטעט מיטן אַלגעמיינעם פּראָלעטאַריאַט, אומקאָמפּראָמיסלעכער קלאַסן־קאַמף פון גאַנצן לאַנד־פּראָלעטאַריאַט אין טעגלעכן לעבן צו פאַרבעסערן די פּאָליטישע, עקאָנאָמישע און קולטורעלע באַדינגונגען פון די ברייטע פאָלקס־שיכטן; נאַציאָנאַל־קולטורעלע אויטאָנאָמיע פאַר די נאַציאָנאַלע מינדערהייטן וואָס באַוואוינען דאָס לאַנד, איינשליסנדיק — פאַרשטייט זיך — די יידישע פאָלקס־מאַסן.

קיינער וועט ניט פּרוּוון לייקענען, אַז דער „בונד" האָט געטריי געדינט זיינע פּרינציפּן — אַמאָל מיט מער און אַמאָל מיט ווייניקער דערפאָלג. דעם פּרינציפּ פון סאָציאַליזם און אינטערנאַציאָנאַלע סאָלידאַריטעט מיטן אַלגעמיינעם פּראָלעטאַריאַט האָט דער „בונד" געדינט דורך זיינע פאַרטרעטער אין דעם סאָציאַליסטישן אינטערנאַציאָנאַל. אין קלאַסן־קאַמף האָט ער זיך אָנגעשפּאַרט אויף דער לאַנד־פּאַרטיי „פּ.פּ.ס." און אויף דער צענטראַלער קאָמיסיע פון די פּראָפעסיאָנעלע פאַראיינען אין פּוילן. די קולטור הצטרכותן פון דער יידישער קולטור־אויטאָנאָמיע האָט דער „בונד" טיילווייז דערפילט מיט דער גרינדונג פון די צאָלרייכע בילדונג־ און דערציאונג־אינסטיטוציעס, ווי קינדערהיימען טאָג־שולן (צישאָ), יוגנט־קלובן, ספּאָרט־פאַראיינען און אַקטיווער טעטיקייט אויף די טריבונעס פון די שטאָט־ראַטן און יידישע קהילות כמעט איבער גאַנץ פּוילן קעמפנדיק פאַר פּאָליטישער אָנערקענונג פון דער קולטור־אויטאָנאָמיע.

דער פּרינציפּ אַז דאָס יידישע פאָלק איז אַ וועלט־פאָלק איז אין פּראָגראַם פון „בונד" אין פּוילן ניט געווען איינגעשלאָסן. דער בעסטער באַווייז איז דער פאַקט, וואָס אויך אין אַנדערע לענדער האָבן עקזיסטירט ענלעכע יידישע פּאַרטייען מיט כמעט־דיזעלבע פּראָגראַמען ווי דער „בונד" און פון דעסטוועגן זיינען צווישן זיי ניט געווען איינגעשטעלט קיין אָרגאַניזאַציאָנעלע בינדנדיקע באַציאונגען. אויב עס זיינען געווען דאָ און דאָרט שטיקלעך באַציאונגען, זיינען זיי געווען נאָר קרוביש־פריינדלעכע.

אין אַמעריקע און אין אַנדערע לענדער איז אויך דער „בונד" געשאַפן געוואָרן לויט אַן ענלעכן מוסטער מיט געוויסע קליינע ענדערונגען.

**
*

סוף 1940, אָנהייב 1941, ווען דער היטלעריזם האָט ווייטער חרוב געמאַכט לענדער און פאַרברענט שטעט אין זיין פאַרמעסט איינצונעמען גאַנץ אייראָפּע און טאָטאַל אויסצוקוילענען אונדזער פאָלק — אין יענער צייט איז פאַרוואָגלט געוואָרן אַ גרופּע אַקטיווע בונדישע פּליטים קיין ניו־יאָרק, וואו ס׳האָט שוין עקזיסטירט דער בונדישער קלוב נאָך פון יאָר 1923. דער בונדישער קלוב פון ניו־יאָרק און אויך עטלעכע סאָציאַליסטישע פּאַרטייען — בעיקר דער יידישער סאָציאַליסטישער פאַרבאַנד, וואָס איז געווען אידעאיש אַמנאָענטסטן צום „בונד" — האָבן דאָ געפירט זייער טעטיקייט.

די בונדיסטישע פּליטים האָבן נאָך ניט געטראַכט וועגן אָנשליסן זיך אָן די עקזיסטירנדיקע סאָציאַליסטישע אָרגאַניזאַציעס, ווייל טייל פון זיי זיינען געזעסן אויף זייערע וואַליזעס און האָבן געטרוימט וועגן צוריק אומקערן זיך אין זייער היימלאַנד פּוילן באַלד נאָכן זיג איבערן היטלעריזם. אין אַזאַ זיג האָבן אַלע געגלויבט.

דערווייל האָבן זיי זיך געקלאַמערט אַרום דעם בונדישן קלוב, וואָס האָט פּאַקטיש געדינט ווי אַ הילפס־אָרגאַניזאַציע פאַרן „בונד" אין פּוילן.

אַז דער „בונד", אָדער זיינע קרובהשע אָרגאַניזאַציעס מיט ענלעכע פּראָגראַמען אין אַנדערע לענדער זיינען צווישן זיך געווען אָפּגעזונדערט ווי פּאַרטייען, באַווייזט אויך נאָך אַ פאַקט וואָס האָט טאַקע אַ שייכות צום בונדישן קלוב אין ניו־יאָרק.

אין זיינעם אַן אַרטיקל „פון בונדישן קלוב ביז דער בונדישער אָרגאַניזאַציע אין ניו־יאָרק", שרייבט דוד מייער (אין „אונדזער צייט", נאָוו.־דעצ. 1947):

„מיר ווילן גאָר ניט אַרויפוואַרפן, אָדער אַרויפצווינגען אויף דער היגער (אַמעריקאַנער) באַוועגונג די זעלבע מעטאָדן פון קאַמף, וואָס דער ,בונד' אין פּוילן פירט. דאָס וואָלט געווען אַן אומזין, דאָס וואָלט געווען קעגן די פּרינציפּן פון ,בונד' קעגן דעם עיקר פון בונדיזם (מיין קורסיוו — ר. פ.). די סאָציאַליסטישע טאַקטיק אין אירע קאָנקרעטע פאַלן מוז זיין צוגעפּאַסט צו די אָרטיקע פאַרהעלטענישן און אומשטענדן".

מייער ציטירט אין זיין אַרטיקל אַן אויסצוג, וואָס וויקטאָר אַלטער האָט געשריבן וועגן בונדישן קלוב אין ניו־יאָרק: „אין מיטן דער ריזיקער, ברויזיקער שטאָט ניו־יאָרק האָב איך מיטאַמאָל דערקענט עפּעס גוט באַקאַנטעס, עפּעס גאָר נאָענטעס — די בונדישע פּסיכיק אין איר ריינעם געשטאַלט... ס׳איז געווען אַזוי ווי איך וואָלט מיטאַמאָל אַנטדעקט אין סאַמע האַרץ פון אַמעריקע אונדזערס אַ פּוילישע בונדישע אָרגאַניזאַציע. ס׳איז געווען גוט־באַקאַנט און גלייכצייטיק עקזאָטיש, ווי אַ היימישע בלום, וואָס מען דערזעט פּלוצעם אין אַ פרעמד לאַנד".

וואָלט געווען אַן ענגערע אָרגאַניזאַציאָנעלע בינדנדיקע באַציאונג צווישן „בונד" אין פוילן און „בונד"־אָרגאַניזאַציעס אין אַנדערע לענדער, וואָלט דאָך וויקטאָר אַלטער ניט געדאַרפט „אַנטדעקן" דעם בונדישן קלוב אין ניו יאָרק.

געציילטע פון די ניי־געקומענע אַקטיווע בונדישע פּליטים, וואָס האָבן געשפּירט בחוש אַז אַמעריקע בלייבט זייער נייע שטענדיקע היים, האָבן באַשלאָסן דאָ ווייטער צו ווערן אַקטיוו פאַר זייערע אידעאַלן. זיי האָבן איינגעזען אַז דאָס איז ניט אין ווידערשפּרוך מיט דער פּרינציפּן־איינשטעלונג פון „בונד" אין פוילן, פאַרקערט — דאָס שטימט גאָר מיט די פּרינציפּן פון „בונד": (מיט דעם לאַנד־פּרינציפּ). האָבן זיי זיך אָנגעשלאָסן אין דעם „יידישן סאָציאַליסטישן פאַרבאַנד" און זיינען געוואָרן זיינע אַקטיווע שליחים איבערן לאַנד. און יעקב פּאַט, אין זיינעם אַן אַרטיקל אין „אונדזער צייט" (נאָוו.־דעצ. 1947) האָט געשריבן די ווייטערדיקע שורות:

„עס האָט מיר אַמאָל דערציילט אונדזער חבר נח אַז ווען אַ בונדיסט פלעגט קומען צו אים זיך געזעגענען פאַרן אָפּפאָרן אין אַן אַנדער לאַנד, פלעגט ער אים אָנזאָגן ער זאָל געדענקען וואָס דער „בונד" האָט אים געלערנט — ער זאָל אַריינטרעטן אין דער סאָציאַליסטישער באַוועגונג פון דעם לאַנד אין וועלכן ער וועט קומען".

נאָכן דריטן חורבן פון אונדזער פאָלק אין פוילן, ווען די פּליטים־בונדיסטן האָבן שוין ניט געקענט טראַכטן וועגן צוריקקומען צו די פאַרברענטע און פאַרגאַזטע ברידער און שוועסטער, האָבן זיי געמוזט איינזען אַז דאָ איז אַמעריקע, זייער נייע היים; האָבן די ניי־געקומענע בונדיסטן מיט דער גרופּע בונדיסטן פון „דער בונדישער קלוב" אין ניו־יאָרק זיך פאַראייניקט. און אין חודש נאָוועמבער 1946 איז געשאַפן געוואָרן די בונדישע אָרגאַניזאַציע פון ניו־יאָרק, און צו די עקזיסטירנדיקע סאָציאַליסטישע פּאַרטייען איז צוגעקומען נאָך איינע: דער „בונד".

דעם טראַגישן סך הכל וועגן דער געשיכטע פון „בונד" אין פוילן, נאָכן סוף פון צווייטן וועלט־קריג, האָט געמאַכט ד"ר עמנואל שערער אין דער בונדישער צייטשריפט „אונדזער צייט" (מאַי־יוני, 1966):

„מיר האָבן זיך פּלוצלונג דערזען ניט צווישן פאַלנדיקע, נאָר צווישן איינגעפאַלענע ווענט פונעם גרויסן בונדישן בנין. און וואָס איז נאָך שרעקלעכער — אַן האָפענונג אויף זייער צוריק־אויפבוי אויף דעם זעלבן אָרט, אין אונדזער היים אין פוילן. ביי מאַנכע פון אונדז האָט געצאַנקט אַ ליכטל פון האָפענונג — אַ דאַנק דער אָרגאַניזירונג פון די קנאַפּע רעשטלעך לעבן־געבליבענע בונדיסטן אין דעם נאָך־מלחמהדיקן פוילישן „בונד". און אַ גרויסער טייל פונעם הייפל

אַקטיווע פּוילישע בונדיסטן מיט אַ טייל פון זייערע טוערס און פירערס האָט דעמאָלט אויך אַ סך אַיינגעשטעלט, כדי דאָס ליכטל פון האָפנונג זאָל ניט ווערן פאַרלאָשן. נאָך קאַרגע דריי יאָר איז אַפילו די שטרעבונג צו אַ האַלב־רעאַלער אויפהאַלטונג פון אַ קליינעם רעשטל פון דעם גרויסן פּוילישן ,בונד' אויך געוואָרן ביגוואַלט ליקווידירט. די איינגעפאַלענע פּויליש־בונדישע ווענט זיינען איינגעפאַלן פולשטענדיק און פון אַלע זייטן".

מיט דעם האָט פאַקטיש זיך פאַרענדיקט די גלאָררייכע געשיכטע פון „בונד" אין פּוילן.

דער נאָך־מלחמהדיקער „בונד" און זיין אידעאישער געראַנגל וועגן וועלט־פאָלק און וועלט־פאַרטיי

דער אידעאישער קריזיס אין די רייען פון די אויסגעוואָרצלטע בונדיסטן פון פּוילן, וואָס האָבן געהאַט זייער הויפּט־קוואַרטיר אין אַמעריקע (ניו יאָרק) זינט דער צווייטער וועלט־מלחמה און דעם נאָך מלחמהדיקן פּעריאָד, האָט זיך אָנגעהויבן אַנצוזען. פאַרלירנדיק פּוילן — דעם באָדן פאַר זייער טעטיקייט — האָט די אַזוי־גערופענע טעאָריע פון אַ נייער „דאָאיקייט" ניט באַוויזן צו שלאָגן קיין שום וואָרצלען אויף אַמעריקאַנער ערד. מיטן ווידערגעבורט פון דער יידישער מלוכה אין ישראל און מיט דער ניט־געקניפּטער פאַרבינדונג פון די יידישע סאָציאַליסטישע באַוועגונגען אין אַלע אַנדערע יידישע ישובים, איז דער קריזיס אין „בונד" געוואָרן גרעסער און גרעסער.

שטאַרקע דיסקוסיעס און אומצייליקע דעבאַטעס זיינען פאָרגעקומען אין די בונדיסטישע רייען וועגן דער געענדערטער יידישער וועלט־לאַגע און אויף די צוויי בונדישע וועלט־קאָנפערענצן אין 1947 און 1948 האָט מען זיך דערטראַכט צו אַ טעאָריע, וואָס האָט געקלונגען מיט די־אָ ווערטער:

„אין אונדזער ביז איצטיקער איינשטעלונג (צום ענין פון וועלט־פאָלק און וועלט־באַוועגונג — ר. פ.) האָבן מיר זיך צוגעפּאַסט צו דער געענדערטער וועלט־לאַגע אויך פון בונדיזם גופא. בונדיזם — איך זאָג ניט ,בונד', נאָר בונדיזם. מיר האָבן אין די פריערדיקע יאָרן געהאַט אַ ,בונד' אין איין לאַנד, אָדער אין איין טייל פון אייראָפּע און גלייכצייטיק איז געווען אַ בונדיזם אין פאַרשיידענע לענדער און פאַרשיידענע טיילן פון דער וועלט. אונטערן דרוק פון די נאָך־מלחמה ענדערונגען האָט מען עס געמוזט גלייך טאָן. ,בונדיזם אין איין לאַנד'. דאָס יידישע

פאַלק איז אינטער־מלוכהש, אַזוי דאַרף אויך זיין די קלאַסיש־סאָציאַליסטישע באַוועגונג פון דעם וועלט־פאַלק — דער ,בונד' און דער בונדיזם. ביידע — אויך אינטערמלוכהש".

אין יאָר 1947 שרייבט חבר ח. ש. קאַזשדאַן („אונדזער צייט", נאָוו.־דעצ. 1947):

„היינט האָט פאַר אונדז די לאָזונג ,קיום האומה' גאָר אַן אַנדערן קאָנקרעטן אינהאַלט, וועלכער האָט זיך ניט געחלומט די בונדיסטן פון 40 יאָר צוריק, היינט האָט די בריסעלער וועלט־קאָנפערענץ פון ,בונד' (מאַי, 1947) אָנגענומען אַ רעזאָלוציע אַז אויף די פּלייצעס פון אַלע איבערגעבליבענע יידישע ישובים פאַלט איצט די גרויסע אחריות פון איינהאַלטן די עקזיסטענץ פון יידישן פאָלק (מיין קורסיוו — ר. פ.). היינט־צוטאָג זיינען אַפילו די ציוניסטן געצוואונגען צו אָנערקענען אַז מיט דער גרינדונג פון אַ יידישער מלוכה ווערט די יידישע פראַגע נישט געלייזט. ווערט עקזיסטירן אַ זעלבסשטענדיקע יידישע מלוכה, וועט דאָס פּאַלעסטינער יידנטום שטיין פאַר זיינע אייגענע פּראָבלעמען, געבונדן מיטן לעבן פון גאַנצן (מיטל־מזרח); און וואָס ווייטער, וועט זיך אָט דאָס דאָזיקע פּאַלעסטינער יידנטום אַלץ מער אָפּזונדערן פון די אייראָפּעאישע און אַמעריקאַנער יידן און זייערע פּראָבלעמען — (מיין קורסיוו). פאַרן ציוניזם איז ארץ און ישראל אַ סינאָנים. פאַר אונדז אָבער איז אַפילו היינט קיום האומה נישט קיין ענין פון אידעאָלאָגיע, נאָר פון פּראַקטישן לעבן, פון געזעלשאַפטלעכער אַקטיווקייט. און אַזוי איז עס געווען מיט פערציק יאָר צוריק, אַזוי איז עס אויך היינט: יידן פאַרבלייבן אַ וועלט־נאַציע. און אונדזער אייגענער קיום איז פאַרבונדן מיטן קיום פון דער וועלט, פון איר סאָציאַלער און פּאָליטישער באַפרייאונג און פאַרבריי־דערונג. אַפילו היינט שטייט פאַרן יידישן פאָלק נישט אַזוי דאָס פּראָבלעם פון קיום האומה ווי פון קיום העוועלט, קיום המענטש. ווען עס קומט דער באַנקראָט פון ,וועלט' און ,מענטש', קומט אויך די גרויסע סכנה פאַר אונדזער אומה. צי די אומה וועט זיך געפינען אויף אַ זעלבסטשטענדיקן אינדזל אין אַ ים פיינטלעכע פעלקער; צי די יידישע אומה געפינט זיך צעשפּרייט צווישן אַ צענדליק פעלקער, וואָס גרויסע טיילן זייערע האָבן די זעלבע אידעאַלן ווי דאָס יידיש פאָלק — אַלץ איינס: אונדזער מאַטעריעלער קיום איז אָפּהענגיק מער פון די אַנדערע פעלקער איידער פון אונדז אַליין".

איז וואו האַלטן מיר מיט דעם איינשטעל וועגן יידן ווי „אַ וועלט־נאַציע" — זיינען זיי עס יאָ, אָדער נישט? דאַרויף ענטפערט ח' קאַזשדאַן אַז „די ציוניסטן מיט זייער אומקאָמפּראָמיסלעכער העברעאיזאַציע האָבן שוין לאַנג אַליין געבראָכן די דאָזיקע אַלוועלטלעכקייט".

אין דעם זעלבן נומער „אונדזער צייט" איז אויך אָפּגעדרוקט אַן אַר־טיקל אונטערן נאָמען „בונד און בונדיסטן אין פּאַלעסטינע", געשריבן פון א. איידלמאַן, וואָס גיט איבער וועגן דער טעטיקייט פון „בונד" אין ארץ ישראל אין יאָר 1947. און ער הייבט אָן מיט די ווערטער:

„יאָ, אויך דאָ, אין דעם ציוניסטישן פּאַלעסטינע איז דאָ דער ,בונד', זיינען

פאַראַן בונדיסטן. עס זיינען דאָ תושבים איינגעבירגערטע שוין פון יאָרן, און עס זיינען דאָ בונדיסטן־פּליטים געקומענע אין מלחמה־יאָרן און אויך ניי־געקומענע פון די לאַגערן.

קליין איז געווען די צאָל בונדיסטן וועלכע זיינען אין די יאָרן פון צווישן ערשטן און צווייטן וועלט־קריג אַוועק פון דעם שעפערישן יידישן ישוב אין פּוילן, כדי צו באַזעצן זיך אין פּאַלעסטינע. דאָך האָט דער עמיגראַציע־שטראָם, וואָס איז געגאַנגען פון פּוילן אין צייטן פון אַרבעטסלאָזיקייט, קריזיסן, אַנטיסעמיטיזם און רעאַקציע, קיין פּאַלעסטינע פאַרטראָגן געציילטע בונדיסטן. זיי זיינען אַהער נישט געקומען ווי חלוצים, אָדער ציוניסטן, עס איז פאַר זיי ניט געווען קיין ,עליה׳״.

מיר זעען דאָ כמעט אַ שולד־געפיל און אַ מין שעמען זיך למאַי אַ קליינע צאָל בונדיסטן זיינען „פאַרטראָגן געוואָרן״ אַזש קיין „פּאַלעסטינע״ און דער שריט ווערט באַלד פאַרענטפערט: די קליינע גרופּע בונדיסטן איז פשוט אַנטלאָפן צוזאַמען מיט אַנדערע יידן בעת די קריזיסן, אַנטיסע־מיטישע אויסברוכן און אַרבעטסלאָזיקייטן אין פּוילן.

ווייטער גיט איבער איידלמאַן וועגן דער נעבעכדיקער געזעלשאַפט־לעכער טעטיקייט וואָס די בונדיסטן האָבן אָנגעפירט אין ארץ ישראל ביז דער בונדישער וועלט־קאָנפערענץ, צו וועלכער זיי האָבן אויך צוגעשיקט אַ דעלעגאַציע.

אין אַנגעזיכט פון די געפאַרן, וואָס האָבן באַדראָעט דעם יידישן ישוב אין ארץ ישראל יענעם היסטאָרישן יאָר, האָבן די דאָרטיקע בונדיסטן דאָך באַוויזן אַז זיי זיינען פריער פון אַלץ יידן, ווען אַפילו זיי זיינען אידעאָלאָגיש נישט מסכים מיט די ציוניסטישע אַספּיראַציעס און צילן. און אָט ווי אַזוי איידלמאַן שרייבט ווייטער אין זיין אַרטיקל:

„די מערהייט פון דער בונדישער גרופּע אין פּאַלעסטינע אָריענטירט צו בלייבן אויפן אָרט און (זיך) איינבירגערן אין לאַנד. די פּאַלעסטינע־פּראָבלעם שטייט דעריבער אין צענטער פון די פראַגן מיט וועלכע די גרופּע באַשעפטיקט זיך.

די געפאַרן, וואָס דראָען דעם ישוב זיינען אויך דירעקטע לעבנס־פראַגן פון די בונדיסטן אין פּאַלעסטינע. און די אָפּשאַצונג אַז דער ציוניזם איז אַ געפאַר פאַר דער עצם עקזיסטענץ פון דעם 630 טויזנט קעפּיקן יידישן ישוב שטעלט פאַר די בונדיסטן, ווי בירגער פון דאָזיקן לאַנד, דאָס פּראָבלעם פון אָרגאַניזירן די נישט־ציוניסטישע עלעמענטן. די אַרבעטס־מענטשן, די פרישע עולים, די גרויסע מאַסע פאָלקס־מענטשן וואָס קוקן נישט אויף פּאַלעסטינע ווי אויף אַ לייזונג פון דער יידן־פראַגע, נאָר ווי אויף אַ נאָרמאַלן יידישן ישוב״.

און דער מחבר פאַרענדיקט זיין אַרטיקל מיט די ווערטער:

„די בונדיסטן גלויבן נישט אין ציוניסטישע קאָנצעפּציעס ווי אַזוי צו לייזן דאָס פּאַלעסטינע־פּראָבלעם. „פאַרקערט — זיי מיינען אַז די הויפּט־מניעה צו

יידיש־אַראַבישער פאַרשטענדיקונג און צוזאַמענאַרבעט איז טאַקע נאָר דער ציוניזם, אָבער אַלע זיינען גרייט צו פאַרטיידיקן דאָס לעבן און די עקזיסטענץ פון יידישן ישוב קעגן יעדן אַנגריף פון וועמען דאָס זאָל נישט זיין". (מיין קורסיוו — ר. פּ.).

און ער קומט צום ווייטערדיקן אויספיר:

„...זיינען דאָס אַלץ געדאַנקען און מיינונגען, וואָס וואַקסן און ווערן רייף. זיי געפינען זיך נאָך אויפן וואַרשטאַט, אָבער זיי ווערן צייטיק און אַקטועל. די בונדיסטן פון יידישן ישוב איז פּאַלעסטינע זיינען דורכגעדרונגען מיטן זעלביקן גלויבן, מיט דער זעלבער עקשנות, מיט דער זעלבער טיפער איבערצייגונג אין בונדישן אמת, ווי זייערע חברים אין אַנדערע לענדער, אַזאַ גלויבן, קאָן באַוועגן צו טאָט, צו מעשים".

מיט אַכט יאָר שפּעטער

אַכט יאָר שפּעטער אַנטפּלעקט זיך פאַר אונדז אַ נייע טענדענץ פון אָרטיקער בונדישער טעטיקייט: צו אַקלימאַטיזירן זיך און איינוואָרצלען אין „ציוניסטישן פּאַלעסטינע", וואָס ווערט אַנערקענט ווי אַ יידישע מדינה און דער „בונד" ווערט ישראליזירט פּונקט ווי ישראל ווערט פאַרבונדעוועט. — די שפּראַצן זיינען יונגע, די וואָרצלען — ערשט אַרויסגעשלאָגענע אין פאַרגלייך צו די אָפּגעהאַקטע טיפע וואָרצלען פונעם „בונד" אין פּוילן. אָבער — דער „בונד" האָט זיך אַנגענומען אויפן ישראלדיקן באָדן און האָט זיך אָנגעהויבן צופּאַסן צום דאָרטיקן קלימאַט כדי צו קענען וואַקסן.

ביי דער פערטער וועלט־קאָנפערענץ פון „בונד", וואָס זיין אַלוועלטלע־כער קאָאָרדינירן־קאָמיטעט האָט פאַררופן אין ניו־יאָרק אין דער וואָך פון 17טן ביזן 25טן אַפּריל 1965, האָט מען צווישן די באַריכטן פון בונדישע אָרגאַניזאַציעס אויך צוגעשטעלט אַזאַ אינטערעסאַנטן באַריכט וועגן „בונד"־טעטיקייטן אין מדינת ישראל:

„די בונדישע אָרגאַניזאַציע אין ישראל, וואָס איז אָפיציעל געגרינדעט געוואָרן אין פעברואַר 1951, האָט אין משך פון 4 יאָר באַוויזן זיך איינ־צושאַפן אַן אייגענעם לאָקאַל פון 2 שטאָק אין תל־אביב. דאָרט איז דאָ „אַ זאַל מיט קנאַפּע 3000 זיץ־ערטער, די פראַנץ קורסקי־ביבליאָטעק מיט אַרום 20 טויזנט ביכער, אַ לייען־זאַל מיט דער יידישער פּרעסע פון דער וועלט, צוויי צימערן פאַר דער יידישער נאָכמיטאָג־שולע, אַ קינדער־קלוב א. ג. פון איטשע שיכאַטאָוו, אַ רעדאַקציע־צימער און אַ סעקרעטאַריאַט."

פאַראַן אויך אַ „בונד"־לאָקאַל אין חיפה מיט אַ יידישער ביבליאָטעק פון 7 טויזנט ביכער, אַ „בונד"־לאָקאַל אין באר שבע מיט דער חיים וואַסער־ביבליאָטעק פון 5 טויזנט ביכער און אַ יידישע נאָכמיטאָג שולע. אַ ביבליאָטעק אין פתח־תקוה מיט 3,000 ביכער.

אין 1954 האָבן מיר דערעפנט די ערשטע יידישע נאָכמיטאָג שולע אין תל אביב. אין די אויבן דערמאָנטע 3 שטעט לערנען זיך אין 3 נאָכמיטאָג שולן ביי 160 קינדער.

ס'איז אויך טעטיק אַ יידישער דראַמאַטישער אַנסאַמבל, וואָס עקזיסטירט שוין 7 יאָר. און פיר פּראָדוציר־קאָאָפּעראַטיוו. זינט 1951 דערשיינט אונדזער חודש זשורנאַל „לעבנס־פראַגן" — אַ דאַנק דער מיטהילף פון יידישן אַרבעטער־קאָמיטעט אין ניו־יאָרק.

עס איז געגרינדעט געוואָרן אַ פאַרבאַנד פון געוועזענע תלמידים און לערערס פון די אַמאָליקע 'צישאָ'־שולן אין פוילן, וואָס איז אַקטיוו. 'בונד'־חברים זיינען פאַרטראָטן אין די פאַרוואַלטונגען פון יידישן ליטעראַטן און זשורנאַליסטן־פאַראיין, אין היגן 'ייוואָ'־אָפּטייל און אין אַ גאַנצער רייע לאַנדסמאַנשאַפטן". דעם באַריכט האָט צוגעשטעלט ח' י. אַרטוסקי און ער איז אָפּגעדרוקט געוואָרן מיט מער דעטאַלן אין „אונדזער צייט".

פון דעם אַלעמען זעען מיר, אַז דער „בונד" אין מדינת ישראל — ווי קליין ער זאָל ניט זיין אין פּראָפּאָרץ צו די אַנדערע איינגעבירגערטע און לאַנג־יאָריקע איינגעפונדעוועטע פּאַרטייען — האָט פאַרט געשלאָגן וואָרצלען און וואָלט געקענט זיך צעוואַקסן אין דער טיף און דער ברייט, ווען עס זאָלן זיין די פינאַנציעלע מעגלעכקייטן און ווען דער קאָאָרדיניר־קאָמיטעט פון „בונד" וואָלט געשענקט מער אויפמערקזאַמקייט און ממשותדיקע הילף.

דאָס ניט וועלן „עסן פון איין טעלער", צי „טרינקען פון זעלבן ברונעם", ווייל דער „בונד" איז ניט מסכים מיט דעם ציוניסטישן איינשטעל, אָדער מיט די פירונגען פון ישראלדיקע מלוכה־פירערס — דאָס מאַכט דעם „בונד" סעקטאַנטיש, בלינד צו דער ווירקלעכקייט און נעמט אַוועק די קאָלאָסאַלע מעגלעכקייטן אויפצולעבן די „בונד"־אידייען און טראַדיציעס אויפן יידישן באָדן פון ישראל.

ביי דער פערטער וועלט־קאָנפערענץ פון „בונד" האָט ח' י. אַרטוסקי געהאַלטן אַ רעפעראַט וועגן „בונד, ציוניזם און מדינת ישראל", און ס'איז כדאי איבערצוגעבן ווי אַ היינט־צייטיקער בונדיסט פון דער יידישער מדינה זעט די פּראָבלעמען און אויפטוען, די אויסזיכטן פון יידישן

פאָלק נאָכן דריטן חורבן אין ליכט פון דער ווידער געבוירענער ישראל־מלוכה:

„מדינת ישראל פאַרנעמט אַ גאַר וויכטיקן אָרט אין דער פסיכיק פון יידישן פאָלק און עס פאַרנעמט אַ וויכטיקן אָרט אויך ביי אונדז, בונדיסטן. אַפילו אין דעם רעפעראַט פון ה' שערער האָב איך באַמערקט, פאַרנעמט עס (די יידישע מדינה) אין זיין פסיכיק, אין זיין באַוואוסטזיין. גראָד דערפאַר ווייל די מדינה איז אַנטשטאַנען אין קעגנזאַץ צו אונדזערע ביז איצטיקע איינשטעלונגען, איז נויטיק אַז מיר זאָלן האָבן אַ קלאָרע, ניכטערע און אָביעקטיווע באַציאונג צו איר". (ווי אַזוי אַ יידישער מענטש — צו וועלכער פּאָליטישער שיטה ער זאָל ניט געהערן — קען זיין אָביעקטיוו, ווי אַ סטאַטאַל פרעמדער, צו מדינת ישראל בכלל און נאָכן דריטן חורבן פון יידישן פאָלק בפרט, איז שווער צו באַנעמען — ר. פּ.)

ח' אַרטוסקי האָט ווייטער אַרויסגעבראַכט אין זיין רעפעראַט אַז:

„אַנדערע אונטערדריקטע פעלקער האָבן געקעמפט פאַר זייער פרייהייט האָבנדיק די טעריטאָריע, וואו זייער פאָלק האָט געלעבט און לעבט. אָבער דער ציוניסטישער טייל פון יידישן פאָלק האָט געשטרעבט צו אַ מדינה און אַ לאַנד, וואו די יידן האָבן כמעט נישט געלעבט. דאָס איז אַנדערש ווי ביי אַנדערע פעלקער. אָבער די מדינה עקזיסטירט שוין 17 יאָר און העכער צוויי מיליאָן יידן לעבן דאָרטן. עס וועט נישט אויסלייזן דאָס יידישע פאָלק. אַלנפאַלס איז דאָס שוין דער דריטער יישוב אין דער וועלט: נאָך אַמעריקע און נאָכן ראַטן־פאַרבאַנד גייט מדינת ישראל. דערביי — אַן אייגנאַרטיקער ישוב, דער איינציקער (יידישער) ישוב, וואָס איז מלוכהש אָרגאַניזירט — (מיין קורסיוו). עס שטייט די פראַגע וואָס האָט די מדינה געגעבן די יידן? וואָס האָט זי געגעבן די יידן אין לאַנד און וואָס האָט זי געגעבן די יידן אין דער וועלט? די יידן אין ארץ ישראל האָבן באַקומען נאַציאָנאַלע פרייהייט — דאָס וואָס אַנדערע פעלקער האָבן. ס'איז געלייזט דאָס פּראָבלעם פון אַנטיסעמיטיזם. דאָס איז אַ פּאָזיטיווע זאַך".

איידער מיר לאָזן ח' אַרטוסקין אָנווייזן וואָס ישראל האָט געגעבן דעם יידישן פאָלק, ווילן מיר דאָ נאָר אַרויסהייבן צוויי עיקר־זאַכן, וואָס ער האָט דאָ אָקערשט דערמאָנט פאַרבייגייענדיק — צוויי גרונד־פּראָבלעמען, וואָס האָבן אונדז געפייניקט יאָרטויזנטער אין אונדזער צעזייטקייט און צעשפּרייטקייט:

1. גאולה.
2. די מכה אַנטיסעמיטיזם.

מיט דעם וואָס ער זאָגט, אַז די מדינה (ישראל) וועט ניט אויסלייזן דאָס יידישע פאָלק, איז ער מודה אַז מיר דאַרפן אַן אויסלייזונג און זיינען אין אַ גלות — צי דאָס איז אַן אויסלייזונג פון שקלאַפעריי, פון אונטערדריקונג, פון אַסימילאַציע, צי פון אַנטיסעמיטיזם: מיר זוכן נאָך אַן אויסלייזונג.

מיט דעם וואָס ער גיט צו אַז געווינענדיק נאַציאָנאַלע פרייהייט, איז

„געלייזט געוואָרן דאָס פּראָבלעם פון אַנטיסעמיטיזם" איז ער אויך מודה אַז די יידישע מדינהשאַפט איז בייגעקומען די עלטסטע און לענגסטע פּראָבלעם פון יאָרטויזנטער — אַנטיסעמיטיזם — קעגן וועלכער אַלע יידן פון גאַר דער וועלט קעמפן נאָך ביזן היינטיקן טאָג.

אין פּרט פון אויסלייזונג דאַרפן מיר נאָך — אין איינעם מיט אַנדערע פעלקער — ווערן אויסגעלייזט פון אַ סך סאָציאַלע אומרעכטן.

„און וואָס האָט ישראל געגעבן דעם יידישן פאָלק?" — פרעגט ווייטער אַרטוסקי. „האַרויף קען מען ענטפערן אַז אַ מדינה וואָלט געקענט פיל געבן דעם יידישן פאָלק און דער וועלט, נאָר זי גיט נישט —ליידער. ליידער איז די מדינה אויך פאַרבונדן מיט ציוניזם. און ציוניזם מיינט: מדינה נישט בלויז פאַר די יידן, וואָס לעבן דאָרטן און ווילן דאָרט לעבן, נאָר מדינה ווי דער גואל פון יידישן פאָלק, ווי די לייזונג פון דער יידן־פראַגע אין דער וועלט — און מיט דער דאָזיקער איינשטעלונג איז עס שעדלעך פאַרן יידישן פאָלק און דער וועלט און אויך שעדלעך פאַר דער מדינה גופא. מיר זיינען קעגן דעם. מיר, די בונדיסטן אין מדינת ישראל, טיילן פונאַנדער צוויי באַגריפן: מדינה ווי אַ מדינה, וועלכע גיט נאַציאָנאַלע פריייהייט דעם יידישן ישוב און ציוניזם ווי אַן אידעאָלאָגיע. מיר באַקעמפן די אידעאָלאָגיע, אָבער מיר קענען ניט באַקעמפן די מדינה (מיין קורסיוו). ...ווען מ'וועט באַפאַלן די מדינה, וועלן מיר זי פאַרטיידיקן מיט אונדזער בלוט און מיט אַלץ וואָס מיר קענען, אָבער מיר רעדן וועגן פּאַטריאָטיזם אין גוטן זין פון וואָרט, נישט קיין שאָוויניזם, נישט קיין אימפּעריאַליזם". (פאַרוואָס דאַרף מען זיך שיעור נישט אַנטשולדיקן פאַר „פּאַטריאָטיזם" אין ישראל, בעת די זעלבע גרייטקייט צו קעמפן און פאַרטיידיקן פוילן איז געווען ביי חברים פון „בונד" אַן אַ מורא אַז מען וועט זיי חושד זיין אין שאָוויניזם — דאָס איז שווערלעך צו באַנעמען. דער „בונד" האָט זיכער געהאַט גרעסערע קאָמפּן אַנצופירן פּאָליטיש אין פוילן און איז דאָך גרייט געווען אָוועקצוגעבן דאָס לעבן — ווי זיינע חברים האָבן עס געטאָן — ביים קעמפן קעגן פוילנס שונאים — ר. פ.).

„פאַרטיידיקן דאָס לאַנד און שטרעבן צו שלום — אין דעם דריקט זיך אויס אונדזער פּאַטריאָטיזם. די וואָס רעדן וועגן טעריטאָריעלער אויסשפּרייטונג זיינען היפּער־פּאַטריאָטן, שאָוויניסטן און אימפּעריאַליסטן. מיר ווילן אַז די יידישע מדינה זאָל בלייבן אַ טייל פון דעם גאַנצן פאָלק, נישט נאָר ווערן אַ ניי פאָלק. מיר דאַרפן נישט קיין פאָלק פון ישראלים. מיר זאָגן אַז די יידישע מדינה דאַרף זיין אַ מדינה פון דעמאָקראַטיע און פריייהייט פאַר אַלע בירגער אַן אונטערשייד פון נאַציע און אויך פון שפּראַך. מען דאַרף ניט

מורא האָבן פאַר אַ פּאָזיטיווע, נאָר אויך נעגאַטיווע זייטן. דאָס זען די פּאָ־זיטיווע זייטן וועט אונדז פאַרלייכטערן צו קעמפן קעגן אירע נעגאַטיווע זייטן און קעמפן, אַז די מדינה זאָל טאַקע זיין אַ דעמאָקראַטיש־סאָציאַליסטישע און פירן אַ פּאָליטיק ווי אַ טייל פון דעם יידישן פאָלק" (מיין קורסיוו).

אין דער רעזאָלוציע פון דער פערטער וועלט־קאָנפערענץ פון „בונד" (אין 1965) ווערט וועגן דער אַראַבישער פּראָבלעם געזאָגט אין לעצטן פּאַראַגראַף דאָס ווייטערדיקע:

„די גרעסטע געפאַר, וואָס הענגט איבער דער מדינה איז די סכנה פון אַ ישראל־אַראַבישע מלחמה. די סכנה מוז ווערן באַזייטיקט. די אַראַבער דאַרפן שלום מאַכן מיט דער עקזיסטענץ פון מדינת ישראל (מיין קורסיוו — ר. פ.). פון דער צווייטער זייט דאַרף ישראל גיין אויף קאָמפּראָמיסן ביים לייזן דאָס פּראָבלעם פון אַראַבישע פּליטים און אַנדערע קאָנפליקטן, וואָס זיינען אַנטשטאַנען אין שייכות מיט דער עטאַבלירונג פון מדינת ישראל. אַ ישראל־אַראַבישער שלום איז דער גרונט־באַדינג פאַר דער זיכערקייט פון מדינת ישראל".

דווקא נאַציאָנאַלע פּראָבלעמען האָבן געראַטע־וועט דעם „בונד" פון אונטערגאַנג

באַוועגונגען קומען אויף, באַוועגונגען גייען אונטער — פּונקט ווי אידעען — לויט די פאָדערונגען פון דער צייט און דער געזעלשאַפט. „דער סוף פון אַ אידעע איז דער אָנהייב פון אַ נייער אידעע" און אויב אַ באַוועגונג האָט „אָפּגעלעבט איר נוצלעכקייט", ווי דער אַמעריקאַנער זאָגט, איז נאַטירלעך אַז זי זאָל ביסלעכווייז צאַנקען, איינדאַרן און זיך אויפלייזן. אַלץ וואָס בלייבט פון איר איז: בלעטלעך אין געשיכטע. מיטן גוטן ווילן וויל קיינער ניט אונטערגיין, אָבער דער גורל פון געשיכטע איז שוין אַזאַ: קוים דינט ניט אַ באַוועגונג די אמתע אינטערעסן פון פאָלק, איז זי פאַרמשפּט צום אונטערגאַנג; קוים דערשפּירן ניט אירע פירערס די סענטימענטן פון פאָלק, ווערט די באַוועגונג אַ מינדער הייפעלע, אַ קלייזל וואָס בלייבט אין אַ ווינקעלע און לעבט אויף גלאָררייכע זכרונות פון „אַמאָל איז געווען".

אַזאַ פאָלקס־באַוועגונג ווי דער „בונד", וואָס איז געווען מיט געזונטע אי־דעאישע זיילן, האָט געקענט אַריבערגעטראָגן ווערן אויף אַנדערע באָדנס אין יידישע ישובים פון דער וועלט, ווי עס באַווייזן די פאַקטן. ניט דאָ קען מען זיך אָפּשטעלן אויף דעם, וואָס דווקא אין פוילן האָט דער „בונד" זיך צעבליט

און צעוואַקסן, בעת אין אַנדערע לענדער זיינען אויפגעקומען בלויז בונדישע אינדזעלעך. אָבער לערנען פון געשיכטע און דערפאַרונגען מוז מען, אויב נישט איז מען פאַרמשפּט.

דער ציוניזם האָט געשטרעבט צוריק אויפצולעבן ציון, ארץ ישראל, דאָס יידישע היימלאַנד פון וואַנעט דאָס יידישע פאָלק איז פאַרטריבן געוואָרן. דאָס איז געווען די גרונט־אידעע און דעם עיקר האָט די באַוועגונג דער־גרייכט. אַלע ווייטערדיקע פּראָבלעמען מיט וועלכע דאָס יידישע פאָלק אויף דער וועלט ראַנגלט זיך—וועט עס נאָך מוזן בייקומען סיי אין אייגענעם לאַנד, סיי אין די צעזייטע און צעשפּרייטע יישובים איבער אַנדערע לענדער, וואו יידן האָבן זיך איינגעבירגערט און נויטיקן זיך אין נאַציאָנאַלער קולטור־אויטאָנאָמיע, ווי אַנדערע מינדערהייטן אין יענע לענדער.

דער קריזיס, וואָס דער ציוניזם גייט איצט דורך, איז אַן אומפאַרמיידלע־כער. דער סוף פון איין אידעע איז געקומען מיט דער עטאַבלירונג פון דער יידישער מדינה און ס'איז צייט פאַר אַ צווייטער. האַלטן טאַקע אַ סך ישראל־דיקע פירערס, אַז „דער ציוניזם האָט אָפּגעדינט זיין נוצלעכקייט".

וואו האַלט עס מיטן בונדיזם? וואו האַלט עס מיטן קריזיס אין דער בונדישער באַוועגונג?

מיר מוזן אָנווייזן, אַז דער „בונד" האָט אין זיין רומפולער געשיכטע די־נענדיק די ברייטע יידישע מאַסן דורכגעמאַכט עטלעכע זייער ערנסטע קרי־זיסן. איינער פון די ערשטע איז געווען מיט 69 יאָר צוריק:

אַ קנאַפּן יאָר נאָכן אַנטשטיין פון „בונד" אין 1898 איז מיטן בונדישן אָנטייל און אַקטיווער מיטאַרבעט געגרינדעט געוואָרן די רוסלענדישע סאָ־ציאַל־דעמאָקראַטישע אַרבעטער־פּאַרטיי. צוליב די נאַציאָנאַלע שטרעבונגען פון „בונד" האָט ער פאַרלאָזן די ס.ד. אַרבעטער־פּאַרטיי און געראַטעוועט זיך פון אַן ערנסטן קריזיס.

די מעכטיקע באָלשעוויסטישע רעגירונג האָט ניט באַוויזן צו דערשטיקן אין בלוט, אונטער די רעדער פון דער רעוואָלוציע, דעם יידישן אַרבעטער־בונד. דריי יאָר נאָך דער אָקטיאַבער־רעוואָלוציע האָט די איינציקע הער־שערישע פּאַרטיי איבערגענומען די פולע מאַכט און איינגעפירט די דיקטאַ־טור איבער די מאַסן, אַוועקנעמענדיק די זעלבשטענדיקייט פון די מיליאָנען אונטערדריקטע, וועמען די רעוואָלוציע האָט געזאָלט באַפרייען.

דער „בונד" אין רוסלאַנד איז פאַרשוואונדן פון דער אויבערפלאַך. אַ שווידערלעכער קריזיס האָט זיך אַנטוויקלט און ס'האָט געהאַלטן ביי אונ־טערגאַנג. אָבער דעם „בונד" איז געשיכטלעך באַשערט געוואָרן צו שפּילן

זיין באַשטימטע ראָלע און ער איז אָפּגעראַטעוועט געוואָרן דורך די יידישע מאַסן אין פּוילן. די עקאָנאָמישע, סאָציאַלע און נאַציאָנאַלע באַדינגונגען פון דעם יידישן פּראָלעטאַריאַט, פון דער אָרעמער יידישער מאַסע, דעם קליינבירגער און אַפילו קליינהענדלער, שאַפן דעם פּרוכטבאַרן באָדן פאַר דעם ווייטערדיקן פונאַנדערוואוקס פון „בונד". די יידישע מאַסן גיבן אַרויס פון זיך פירערס און קעמפערס, וואָס פורעמען אויס דעם בונדישן פּראָגראַם לויט די פאָדערונגען פון לאַנד און פון דער צייט מיט דער אידייע פון סאָציאַליזם.

די רוסלענדישע אָקטיאַבער־רעוואָלוציע, וואָס האָט זיך פאַרמאָסטן אויף אַ וועלט־רעוואָלוציע אין דעם באָלשעוויסטישן נוסח פון סאָציאַליזם, האָט שיעור נישט איינגעשלונגען אין יענע ערשטע יאָרן פון קאָמוניזם אויך דעם „בונד". בסך הכל האָבן געפעלט בלויז עטלעכע פּונקטן אַז דער „בונד" זאָל זיך אָנשליסן אָן קאָמוניסטישן אינטערנאַציאָנאַל און פאַרשלונגען ווערן, אונטערגיין.

ווער צו ווען זאָל זיך צופּאַסן?

צייטן און באַדינגונגען ענדערן זיך און מיט זיי — מעטאָדן פון אַרבעט. אויב עס זיינען היינט פאַראַן גראָבמאַשינען, לאַסט־אויטאָס און מאָדערנע בוי־מעטאָדן, וועט קיינעם נישט איינפאַלן זיך צו שטעלן גראָבן מיט רידלעס דעם באָדן פאַר אַ פונדאַמענט פון אַ מויער און אָפּפירן דאָס גראָז, צי די ערד אויף אַ פערד־און־וועגעלע. דאָס איז דער אַלט־באַקאַנטער פאַקט: צופּאַסונג.

ווי ווייט דער „בונד" האָט זיך גערעכנט און זיך צוגעפּאַסט צו די באַדינגונגען און רעאַלע אינטערעסן פון די יידישע מאַסן — ווען ער האָט געדינט און ווען ס'איז באַשערט ווייטער צו דינען, אויב ער זאָל בלייבן אַ לעבעדיקע פּאַרטיי נאָך זיין 70־יאָריקן יובל — קענען מיר זען פון די ווייטערדיקע אויסצוגן.

„אין 'בונד' זיינען כסדר געווען חלוקי־דעות צי מע זאָל זיך באַטייליקן אין די וואַלן פון די קהילות איבער זייער רעליגיעזן כאַראַקטער. גובר געווען האָט די שיטה וועלכע איז געווען דערפאַר אַז מיר זאָלן זיין פאַרטראָטן אין די קהילות. דאָרט איז אויפן פאָרום פון יידישן לעבן געפירט געוואָרן דער

קאַמף פאַר דער נשמה פון דער יידישער מאַסע, פאַרן אינהאַלט פון איר לעבן". אַזוי האָט געשריבן ש. מענדעלסאָן אין זיין אַרטיקל „בונד — דער טרעגער פון מאָדערנעם יידישן לעבן" („אונדזער צייט" נאָוו.־דעצ.־ 1947).

און ווייטער שרייבט מענדעלסאָן אַז „דער כח און די אַטראַקציע פון דער יידישער קולטור אין פוילן איז באַשטאַנען אין דעם, וואָס זי איז געווען אַ נאַטירלעכער המשך פון לעבן... קולטור באַשטייט נישט פון ביכער, פאַראַדן און יום־טובים. קולטור איז לעבן, לעבנס־פאָרעם, קולטור נעמט אַרום אַלץ... ווען קולטור ווערט אַ ווינקל פון אונדזער לעבן — מעג זיין אַ בכבודיקער פלאַץ ביים סאַמע אָרון־קודש — דאַן איז עס אַ סימן פון ירידה... (אַז) אין עפנטלעכע יידישע אינסטיטוציעס מוז הערשן יידיש, איז געווען פאַרן ,בונד', און אויך פאַר אַ טייל אַנדערע פאַרטייען, אַן אַקסיאָמע וואָס טאָר נישט געענדערט ווערן".

דער „בונד" און דער יידישער ישוב אין ישראל

צום 18טן יאָרטאָג פון מדינת ישראל האָט חבר י. אַרטוסקי פון תל אביב אָפּגעדרוקט אַן אַרטיקל אין „אונדזער צייט" (מאַי־יוני, 1966), אין וועלכן ער ברענגט אַרויס דעם טריאומף פון די בונדישע אידעאישע פּרינציפּן אויפן באָדן פון דער יידישער מדינה. ס'איז כדאי זיך צו באַקענען אין וואָס די טריאומפן דריקן זיך אויס. אַרטוסקי שרייבט:

„...הגם נאָך דער צווייטער וועלט־מלחמה איז דעם ,בונד' אויסגעקומען צו זיין טעטיק אין נייע באַדינגונגען מיט אַלע שוועריקייטן פון צופּאַסן זיך צו זיי — האָט אָבער איין געמיינזאַמער שטריך פאַראייניקט אַלע בונדישע אָרגאַניזאַציעס אין דער וועלט: זיי זיינען געבליבן באַוועגונגען פון אַ יידישער נאַציאָנאַלער מינדערהייט. דאַקעגן איז די בונדישע אָרגאַניזאַציע אין ישראל די איינציקע אָרגאַניזאַציע אין דער בונדישער וועלט־באַוועגונג, וועלכער עס קומט אויס צו אַרבעטן אין אַ יידישער מדינה, אין אַ לאַנד וואו יידן בילדן אַ נאַציאָנאַלע מערהייט און פירן אָן מיט דער מלוכהשער מאַכט. די אָביעקטיווע פּאָליטישע און גייסטיקע באַדינגונגען זיינען דאָ אין גאַנצן אַנדערע.

די אַנטשטייאונג פון דער בונדישער אָרגאַניזאַציע האָט דאָ אויסגעזען ווי אַ קוריאָז. די בונדישע אָרגאַניזאַציע אין ישראל האָט געמוזט געבן אַן

ענטפֿער אויף פּראָבלעמען, וועלכע זייִנען לחלוטין ניי געווען פֿאַר דער בונדישער באַוועגונג און וועלכע קיין שום בונדישע אָרגאַניזאַציע האָט זיי ניט געהאַט. אויף איר איז אויסגעפֿאַלן די היסטאָרישע ראָל צו קאָנפֿראָנטירן פֿון דער נאָענט, אין טאָג־טעגלעכן לעבן, די ציוניסטישע אידעאָלאָגיע און פּראַקטיק פֿון דער יידישער מדינה. זי האָט דעריבער מער ווי די אַנדערע אָרגאַניזאַציעס געטראָגן אויף זיך די טאָפּלטע פֿאַראַנטוואָרטלעכקייט — פֿאַר איר אייגענער מיטגלידערשאַפֿט און פּעריפֿעריע, און פֿאַר דער בונדישער וועלט־באַוועגונג. אין די פּראָבלעמען וואָס האָבן אַ שייכות צו ישראל וועט איר וואָרט זיין — וואָס אַן אמת — ניט דעצידירנדיק, דאָך ביז גאָר וויכטיק פֿאַר די בונדישע אָרגאַניזאַציעס אין די אַנדערע לענדער. איר פּרינציפּיעלע שטעלונג איז פֿאָרמולירט אין די אַנדערע לענדער. איר ציוניזם — נישט. זי (די בונדישע אָרגאַניזאַציע) האָט פֿאַראויסגעזען אַז אונטער דער ציוניסטישער אָנפֿירונג וועט מדינת ישראל נישט קאָנען שפּילן קיין פּאָזיטיווע ראָל פֿאַרן יידישן לעבן אין דער וועלט און אַז זי וועט אויך נישט קענען פֿאַרזיכערן קיין רואיקע עקזיסטענץ דעם יידישן יישוב אין ישראל; אַז אונטער דער ציוניסטישער אָנפֿירונג וועט די מדינה אויך נישט קאָנען רעאַליזירן די אידייען פֿון פֿרייהייטלעכן לעבן, פֿון דעמאָקראַטישן סאָציאַליזם, מיט וועלכע עס זייִנען באַהויכט געווען די ציוניסטיש־סאָציאַליס־טישע פּיאָנערן און וועלכע עס פּריידיקן נאָך הייַנט די ציוניסטיש־סאָציאַ־ליסטישע פּאַרטייען.

די בונדישע אָרגאַניזאַציע אין ישראל האָט דעריבער געזען איר היס־טאָרישע ראָל אינעם קאַמף פֿון פֿונאַנדערצוטיילן די צוויי באַגריפֿן — מדינה און ציוניזם — פֿאַר באַפֿרייען די מדינה פֿון ציוניסטישער אידעאָלאָ־גיע און פּאָליטיק. מען קען שוין הייַנט מער רעאַל אָפּשאַצן די פּליוסן און מינוסן פֿון דער ציוניסטישער מלוכה־פֿירונג.

דאָס איבערשטעלן זיך פֿון דער ציוניסטישער וועלט־־באַוועגונג „מיטן פּנים צום גלות" איז אַ בולטער אויסדרוק פֿונעם דורכפֿאַל פֿון ציוניסטישן וועג צו לייזן די יידן־פֿראַגע, נישט בלויז אין די תּפֿוצות, נאָך אויך אין מדינת ישראל גופא וואַקסן אָן און ווערן אַלץ בולטער די אינטערעסן־קעגנזאַצן צווישן דער מדינה און דער ציוניסטישער מלוכה־פֿירונג.

אַ דאַנק דער ציוניסטישער אָנפֿירונג איז עס געלונגען דער מדינה צו ברענגען אין לאַנד העכער אַ מיליאָן יידן, ווי אויך אַריינצובאַקומען פֿון פֿאַרשיידענע קוואַלן מיליאַרדיקע סומעס פֿון אויסלענדישער יידישער און נישט־יידישער הילף. די אַמביציע אויפֿצובויען די מדינה פֿאַר מיליאָנען יידן

האָט אויך צוגעגעבן שוואונג דער אַנטוויקלונג פון לאַנד. די ריזיקע וויסנ־שאַפטלעכע אַנטוויקלונג וואָס דאָס לאַנד האָט דורכגעמאַכט, די יאָרן פון פּראָספּעריטי און פון אויפגעהויבענעם לעבנס־סטאַנדאַרט האָט אויבנ־אויפיק אויסגעזען צו זיין אַ זיג פאַר ציוניסטישער מלוכה־פּאָליטיק. ס׳איז מער נישט קיין סוד אַז גלייכצייטיק מיט דער אַנטוויקלונג — און אין אַ גרויסער מאָס אין רעזולטאַט פון איר — לעבט דאָס לאַנד איבער אַ צו־שטאַנד פון מאָראַלישער ירידה. דער גערעג נאָך אויסערלעכער הילף האָט דערפירט צו פאַרבויגן אַלע מאָראַלישע פּרינציפּן, (צו) פאַרהאַנדלונגען מיט דייטשלאַנד פאַר די אומגעבערענגטע זעקס מיליאָן יידן, (האָט) געשטויסן די רעגירונג אַריבערצוגיין צום קאַפּיטאַליסטישן ווירטשאַפט־סיסטעם מיט דערמעגלעכן לייכטע פאַרדינסטן פאַר שפּעקולאַנטן און קאַפּיטאַל־אינוועס־טאָרן, וואָס האָט דערפירט צום אויסוואוקס פון אַ גרויסן שיכט מיליאָנערן. דאָס האָט דערפירט צו אַ פּאַרטיפּונג פון די קלאַסן־קעגנזאַצן אין לאַנד. ס׳איז אויסגעוואַקסן אַ מלוכהשע און פּאַרטייאישע ביוראָקראַטיע. ס׳איז אויך אומגעהויער רייך געוואָרן — און גלייכצייטיק נישט וויניקער ביוראָקראַ־טיזירט געוואָרן — די הסתדרות, וואָס פאַרנעמט מיט איר ריזיקער נעץ פון ווירטשאַפטלעכע און אַנדערע אינסטיטוציעס אַ גאַר וויכטיק אָרט אין לעבן פון דער מדינה. דאָס אַלץ האָט צעבראָכן דעם רוקנביין פון אַמאָליקן חלוצישן אידעאַליזם און האָט געשאַפן אַן אַטמאָספער פון ׳אויסנוצן די לאַגע׳, פון ,כאַפּ און עס׳.

„ס׳איז דעריבער אויך אויסגעהאָדעוועט געוואָרן אַ דור, וואָס ׳שלא ידע את יוסף׳ און וואָס פאַרמאָגט נישט קיין שום געפילן פאַרן יידישן פאָלק; אַ דור פון ,ישראלים׳, ביי וועמען דאָס אויסגעליידיקטע אָרט פון נאַציאָנאַלן געפיל און באַוואוסטזיין פאַרנעמט דער סתם־מלוכהשער ישראלדיקער פּאַ־טריאָטיזם, צומאָל אַ מיליטערישער פּאַטריאָטיזם. ס׳איז היינט ניט מער קיין טעאָרעטישער וויכוח, אַז מיט דעם אַוועקגיין פון עלטערן דור ציוניסטן, ווערט אַלץ דינער דער פאָדעם וואָס פאַרבינדט די מדינה מיטן פאָלק".

פון די לענגערע ציטאַטן מוז אַ לייענער ציען שלוסן, אַז —

1. דער „בונד" נעמט אָן מדינת ישראל, אָבער ניט דעם ציוניזם.
2. אַז דער ציוניזם וועט נישט קענען פאַרזיכערן קיין שלום אין ישראל.
3. אַז אונטער ציוניסטישער אָנפירונג וועט מען נישט קענען לעבן פריי אין דער מדינה.
4. אַז דער ציל פון „בונד" אין ישראל דאַרף זיין צו באַפרייען די מדינה פון „ציוניסטישער אידעאָלאָגיע און פּאָליטיק".

און די סתירהדיקע פאַקטן, אַז —

5. די ציוניסטן האָבן באַוויזן צו ברענגען העכער אַ מיליאָן יידן אין ישראל און צו שאַפן מיליאָנען אין געלט־הילף.

6. אַז דער לעבנס־סטאַנדאַרט און די פּראָספּעריטי פון דער יידישער מדינה איז אויך אַ פּועל יוצא פון די זעלבע ציוניסטישע פירערס, קעגן וועלכע דער „בונד" דאַרף פירן אַ קאַמף. מחמת דאָס רייכטום האָט זיך אָנגעהויבן קאָנצענטרירן אין יחידישע הענט, אָנשטאָט ביים גאַנצן פאָלק.

און ח' אַרטוסקי וויזט אָן אויך אויף אַ צווייטער סתירה, אַז דער עלטערער דור ציוניסטן האָט יאָ געהאַט פאַרבינדונגען מיטן פאָלק און מיט זיין אַוועקגאַנג ווערט אַלץ קלענער די פאַרבינדונג פון די איצטיקע מלוכה־פירערס מיטן פאָלק. איז ווער זיינען די איצטיקע מלוכה־פירער? און: איז „דער עלטערער דור ציוניסטן", קעגן וועלכן מיר, בונדיסטן, האָבן תמיד געפירט אונדזער אידעאישן קאַמף, יאָ געווען גוט פאַרן פאָלק?

אָבער — אויך דאָס איז ניט דער עיקר פון אַרטוסקיס טענות. ער וויזט אָן אין זעלבן אַרטיקל אַז אויך „אויפן געביט פון שלום מיט דער אַראַבישער וועלט, וואָס איז דער עיקרדיקער תנאי פאַרן סטאַבילן קיום פון דער מדינה", האָט די יידישע מלוכה גאָרניט אויפגעטאָן, ווייל זי איז איינגעשפּאַרט בעיקר וועגן אַריינצולאָזן צוריק די אַראַבישע־אַנטלאָפענע. ער שרייבט:

„...מיר הערן כסדר די טענה, אַז די שולדיקע זיינען די אַראַבישע מדינות, וואָס ווילן נישט קיין שלום, דאָס איז נאָר אַ האַלבער אמת". און ער שרייבט אַז „ס'איז בלויז אַ דעמאַגאָגישער תירוץ, אַז דאָס אַריינלאָזן צוריק אַ טייל פון די (אַראַבישע) פּליטים וואָלט באַדראָט די עקזיסטענץ פון דער מדינה. די אמתע סיבה פון ישראלס קעגנערשאַפט צו קאָמפּראָמיסן איז גאָר אַן אַנדערע: זי ליגט אינעם מהות פון דער ציוניסטישער איינשטעלונג, אַז מדינת ישראל איז אויפגעשטעלט געוואָרן און דאַרף זיין אַ היים נאָר פאַר יידן, און פאַר יידן פון גאָר דער וועלט".

ס'איז שווער צו גלויבן אַז דאָס שרייבט אַ ייד — אַפילו אַ יידישער בונדיסט — מחמת אונטער די זעלבע ווערטער קענען זיך רואיק אונטערשרייבן אַלע אַראַבישע פירערס, וואָס טענהן גענוי דאָס זעלבע. איין זאַך איז צו קריטיקירן די יידישע מלוכה־פירערס און אַרויסזאָגן אַ להיפּוכדיקע מיינונג און גאָר אַ צווייטע זאַך איז אַרונטעררייסן מיט אַזעלכע אַראַביש־נאַציאָנאַלע שטעכווערטער ווי „דעמאַגאָגישער תירוץ", בעת דער אמת איז נעבעך אַ ביטערער אמת: די אַראַבישע אַנטלאָפענע זיינען אָנגעזאַפּט מיט שנאה צו דער יידישער מדינה און אירע פירערס, און די אַנטי־ישראלדיקע אַגיטאַ־

ציעס אין אַלע אַראַבישע לענדער רוקן דאָך כסדר אַרויס דעם שלאָגוואָרט און הויפּטציל צו פאַרניכטן ישראל. דער חלום פון צווישן־פעלקלערלעכער ברידערלעכקייט לאָזט זיך נאָך דערווייל ניט חלומען אין די איצטיקע באַדינגונגען אין מיטל־מזרח. אַלץ וואָס מיר ווילן און מוזן דערגרייכן איז כאָטש צו פאַרמיידן ווייטערדיקע מלחמות און בלוט־פאַרגיסונגען און אַז טענות און קעגן־טענות זאָלן אויסגעהערט ווערן און אויסגעקעמפּט ווערן אַרום רונדן טיש אין פאַרהאַנדלונגען. אַרויסקומען אין די איצטיקע טעג און נוצן שטעך־ווערטער קעגן דער מדינה און אירע פירערס, איז ניט קיין הילף צו דערגרייכן אַ שלום צווישן ישראל און אירע אַראַבישע שכנים.

און דאָ בעט זיך ממש אַנצוווייזן אויפן מאָדנעם קוריאָז: אין די 50 יאָר נאָך דער באָלשעוויסטישער רעוואָלוציע האָבן די הונדערטער מיליאָנען רוסן און זייערע פריינד אין אויסלאַנד רק געפּאָדערט אַז מען זאָל „באַוואַכן דעם סטאַליניסטישן פאָטערלאַנד” קעגן אויסערלעכע שונאים. קיין קרום וואָרט האָט מען, אַ האַלבן יאָרהונדערט כמעט, ניט געטאָרט אויס־ריידן קעגן קרעמלין און די סאָוועטישע הערשער, ווייל זיי „זיינען אַרומ־גערינגלט מיט קאַפּיטאַליסטישע שונאים”.

און דאָ שטייט אַזאַ קליין לענדעלע ווי ישראל און ווער ס׳האָט אַ פעדער אין האַנט, אָדער אַ שאַרפע צונג אין מויל, דייסט פון איר שטיקער. אַ מדינה, וואָס איז באמת אַרומגערינגלט מיט האַסנדיקע שכנים און שונאים; אַ לאַנד, וואָס די מעכטיקע רוסלאַנד וואָלט בישט געוואָלט זען אויף דער מאַפּע, און קיינעם פאַלט בישט איין אַז אַלץ שפּילט אַריין אין די הענט פון די שונאים. זיצן אין ישראל און קריטיקירן, דאַרטן פירן פּאָליטישע און סאָציאַלע קאַמפן צווישן פּאַרטייען, דאָס — יאָ. אָבער זיצן אין אויסלאַנד און פירן אַנטי־ישראל־קאַמפּן — מעגן זיי זיין פּאָליטיש ווי גערעכט — איז ווייט ניט די העלדישסטע זאַך. אַנווייזן אויף חסרונות — יאָ, אָבער אָן גאַל, אָן גיפטיקע פיילן. איבערחזרן די רייד פון שונאים איז דאָך פונקט ווי העלפן מיט דער שווערד צו פאַרניכטן די יונגע מדינה.

כ׳האָב ווייט־ווייט ניט איבערגעדרוקט אַלץ, וואָס וואָלט כדאי געווען איבערצודרוקן פון ח׳ אַרטוסקיס אַרטיקל און דער טעטיקייט פון „בונד” אין ישראל. אָבער ווען מען זאָל בפירוש אַלץ איבערגעבן, וואָלט עס געווען צוגיסן נאָך אייל אויפן פייער, וואָס בלויז קורצזיכטיקייט קאָן גורם זיין צו טאָן. און מיין כוונה איז צו זען פאַקטן און זאַכן אין נאַטירלעכן טאָג־ליכט און זיך בישט לאָזן פאַרפירן פון שלאָגווערטער, וואָס האָבן געדינט אין באַ־שטימטע צייט־אָפּשניטן און אין באַשטימטע ערטער.

אַז אַרטוסקיס אַרטיקל איז נישט געווען קיין פּערזענלעכע מיינונג, זעען מיר פון דעם, וואָס ס׳איז געדרוקט געוואָרן אין „אונדזער צייט״ און ס׳איז פאַרשטענדלעך אַז דער קאָאָרדינירקאָמיטעט פון „בונד״ האָט מסכים געווען מיט זיין שטעלונג.

די פּערטע וועלט־קנפערענץ האָט געפּרואווט געפינען אַ רפואה צום טראַגישן קריזיס וואָס האָט אַרומגעכאַפּט דעם „בונד״ נאָך דער צווייטער וועלט־מלחמה און דער קאָאָרדיניר־קאָמיטעט האָט ביי דער קאָנפערענץ אָנגענומען רעזאָלוציעס און אַ פּרינציפּן־דעקלאַראַציע וואָס האָט געדאַרפט ברענגען די הילף. אַזוי, לכל הפּחות, האָבן די פאַרטרעטערס פון אַלע „בונד״־אָפּטיילונגען געגלויבט און געמיינט אַז המשך פון דער געשיכטע פון „בונד״ גייט ווייטער אָן אַן איבעררייס.

דער „בונד״ און די זעקסטאָגיקע מלחמה

ווען מען לייענט ד״ר עמנואל שערערס אַרטיקל „טיפע איבער־לעבונגען און גרויסע צילן״ (אונדזער צייט״ — מאַי, 1965) זעט מען ווי ער וועגדט אָן גענעראַליזאַציעס און אַבסטראַקטע פראַזן וועגן היינטצייטיקן „בונד״ און זיינע צילן, און צו וועמען זיי קענען אַפּעלירן.

ד״ר עמנואל שערער שרייבט:

„מיר גלויבן אַז צו דעם טייל פון יידישן פאָלק באַזונדערס צווישן דער יידישער יוגנט (מיין קורסיוו — ר. פּ.) וואָס זוכט נישט קיין לייכטע וועגן פון קאָנסערוואַטיזם און אָפּאָרטוניזם און וואָס ווייזט איצט אַרויס אַזאַ אָפּפערווויליקייט אין זיין קאַמף פאַר יושר דורך דעם בלוט־צושטייער אויף די שלאַכטפעלדער פון דער אַמעריקאַנער נעגער־רעוואָלוציע, מיינענדיק דערביי, אַז זי האָט נישט וואָס אויפצוטאָן אינעם היינטיקן יידישן לעבן; מיר גלויבן אַז צו אָט דעם רעוואָל־טירנדיקן טייל פון יידישן פאָלק און דער יידישער יוגנט וועלן קענען אָפּעלירן די אידעען (וועלן געפעלן די אידעען) און צילן פון ,בונד׳. די אידעען און צילן פון אַ ריכטונג, וואָס פאַרבינדט דאָס נאַציאָנאַלע מיטן אינטערנאַציאָנאַלן. יושר פאַר זיך מיט יושר פאַר אַנדערע ווי קיין שום אַנדערע אין יידישן לעבן און ווי נישט קיין סך — ליידער — ביי אַנדערע פעלקער. (מען מעג דערמאָנען אַז די תורה פון משהן איז געווען פאַר אונדזער בונדישער תורה מיט דער יושר־פאָדערונג פאַר זיך און פאַר אַנדערע. ר. פּ.).

„דאָס איז די קוואַליטעט פון ,בונד׳. דער ,בונד׳ קעמפט פאַר זיינע יידישע פאָדערונגען. אָבער דאָס איז ניט זיין גרעסטער אויפטו. יעדער קאָן זיין נאַציאָנאַל. דער גרעסטער און שענסטער אויפטו פון ,בונד׳ באַשטייט אין דעם וואָס ער איז

ניִשט בלויז נאַציאָנאַל, נאָר גלייכצייטיק אויך אינטערנאַציאָנאַליסטיש" — (מײַן קורסיוו, ר. פ.)."

דאָ בעט זיך פאָרט פרעגן אַ פראַגע: אויב מיר זײַנען אייגן־וועלטיק און אַל־וועלטיק איז וואָס און וועמ קומט פריער? מיר האָבן גערעכטע טענות און פאָדערונגען ווי אַ פאָלק מיט אַן אייגן שטיקל לאַנד און ווי אַ וועלט־פאָלק אויף צו ווערן יושרדיק באַהאַנדלט מצד די אַראַבישע שכנים אין ישראל און מצד די פעלקער אויף דער וועלט, ביי וועמען מיר זײַנען שכנים.

וועלכע פאָדערונגען זאָלן מיר צוערשט אַרויסהייבן און קעמפן פאַר זיי?

אויך די אַראַבישע שכנים פון דער יידישער מדינה האָבן גערעכטע פאָדערונגען, לויט זייער קוק אויף דער זאַך, אַז מען דאַרף די יידן משלח זײַן (איידל גערעדט) פון „פאַלעסטינע" און פירן אַ רחמנותלאָזן קאַמף קעגן די „ציוניסטישע אימפעריאַליסטן" (לויטן סאָוועטישן און אַראַבישן לעקסיקאָן) — איז אויף וועמענס צד זאָלן מיר זײַן פריער? און ווי אַזוי קענען מיר דאָ זײַן סיי נאַציאָנאַליסטיש און סיי אינטערנאַציאָנאַליסטיש?

חבר ע. שערער באַצייכנט ווייטער דעם גייסט פון דער פערטער בונדישער וועלט־קאָנפערענץ מיט די ווייטערדיקע וואויל־קלינגעוודיקע פראַזן:

„איידער צו האָבן אַ לייכט לעבן מיט קליינע, האַלב־אייגענע און האַלב־פרעמדע אויפגאַבן, וויל דער בונד בעסער אַ שווער לעבן מיט אַ גרויסן, גאַנצן און אייגענעם ציל. דאָס איז אונדזער קוואַליטעט. (מײַן קורסיוו). און דאָס יידישע פאָלק, מיט זײַן קליינער צאָל, וועט קענען לאַנג לעבן נאָר מיט אַ גרויסן ציל און אין אַ וועלט מיט גרויסע צילן, מיט קוואַליטעט". — (מײַן קורסיוו).

פאַרוואָס דאַרף מען נאָך ביים היינטיקן טאָג מורא האָבן צו זײַן אַ פשוטער גאַנצער ייד, פריער פון אַלץ, איידער זײַן אַ צעפּערטלטער, אָדער צעהאַלבטער ייד, איז שווער צו באַנעמען; אין דער רעכטער בוזעם־קעשענע טראָגן אַ יידישן פּאַס, אין דער לינקער — אַ וועלט־פּאַס; מיט דער רעכטער זייט מויל קעמפן און זיך אײַנשטעלן פאַרן קיום פון יידישן פאָלק און זײַנע באַרעכטיקטע מאָנונגען און מיט דער לינקער זייט מויל העלפן אויפהאַלטן די וועלט (אויפן חשבון פון אייגענעם אונטערגאַנג, אָדער אַסימילאַציע) — דאָס איז אויך שווער צו באַנעמען 70 יאָר נאָכן געבוירנטאָג פון „בונד".

ווען מיר לייענען אַ היפּש ביסל אַרטיקלען אין „אונדזער צייט" קלינגען דאָרט גאַנצע פראַזעס „ווי אַראַבישע אַטאַקעס געשריבן אויף יידיש" אין אַ יידישן זשורנאַל, „וואָס דער „בונד" גיט אַרויס אין אַמעריקע.

אין די כל המינים אַרטיקלען געפינען מיר רק מוסר־רייד און שטראָף־רייד, און שיינע מאָראַלישע זאָגעכצער צו ישראל מיט „אינטערנאַציאָנאַלע" אײַנשטעלענישן און יושר־פאָדערונגען פאַר די אַראַבער.

„ווי אַ יידישע סאָציאַליסטישע באַוועגונג האָט דער „בונד" גאַנץ אַנדערע טיילמאָל דיאַמעטראַל קעגנזעצלעכע שטעלונגען און שטרעבונגען, ווי דער ציוניזם" — אַזוי זאָגט די דערקלערונג וועגן ישראל־אַראַבישן קריג (יולי־אויגוסט 1967, „אונדזער צייט").

„ישראל דאַרף זיך אָפּזאָגן פון אַנעקסירן אַראַבישע טעריטאָריעס — נאָר אַ שלום אָן אַנעקסיעס" (אין דער זעלבער אויבן־דערמאָנטער דערקלערונג).

פאַרוואָס האָט ישראל פאַרטריבן די אַראַבישע חיילות פון די געפערלעכע אַטאַקיר־פּאָזיציעס? — כדי צו אַנעקסירן די לאַנד־שטחים, אָדער כדי צו לעבן כאָטש טיילווייז אין זיכערקייט און נישט דאַרפן ליידן פון כסדרדיקע אַטאַקעס מצד די אַראַבישע אַריינדרינגערס? קינדער אין די וויגן ווייסן דאָך דעם אמת.

און ווייטער זאָגט זיך אין דער זעלבער בונדישער דערקלערונג אַז:

„דער פאַרלאַנג צו ליקווידירן דעם קריגסצושטאַנד אין מיטעלן מזרח בלויז דורך דירעקטע ישראל־אַראַבישע אונטערהאַנדלונגען איז אין איצטיקן מאָמענט נישט רעאַליסטיש" —

און אין וועלכן יאָרהונדערט וועט עס יאָ זיין רעאַליסטיש? און אויב נישט, איז וואָס זאָל מען טאָן? ווידער זיך פאַרלאָזן אויף פרעמדע, וואָס קענען לחלוטין נישט דעם כאַראַקטער און נוסח פון די פעלקער אין מיטעלן מזרח. נאָר פּרואוון אַנווענדן שתדלנות און „אויספּועלן" קאָנצעסיעס ביי די אַראַ־בער, וואָס ווערן געפירט פון קרעמלין?

„דער רעאַלער וועג צום ישראל־אַראַבישן שלום איז דורך דער אָרגאַניזאַציע פון די פאַראייניקטע פעלקער און אַלע צדדים דאַרפן אויספירן אירע באַשלוסן" — (מיין קורסיוו).

האָבן די אַראַבער זינט 1947 אויסגעפירט די באַשלוסן? אויב דאָס וואָלט געווען דער רעאַלסטער וועג, וואָלט גאָר נישט געדאַרפט קומען צו דעם, אַז עס זאָלן דאַרפן אַנטלויפן אַזויפיל אַראַבער פון ישראל, ווען ס'האָבן זיי אָנגערייצט און צוגעזאָגט גאָלדענע גליקן אַז באַלד וועט מען פאַרטרייבן ביזן לעצטן ייד פון „פּאַלעסטינע".

אין דער דערקלערונג, ראָט דער „בונד" די אַראַבער וואָס צו טאָן, פּונקט ווי ער ראָט דער יידישער מדינה — אַקוראַט, ווי זיי — די בונדיסטן וואָלטן נישט געווען קיין יידן, נאָר עפּעס אַ דריטער, פרעמדער צד, וואָס זיצט ביי אַ רונדן טיש און משפּט, גיט עצות, און פּרואווט אַנווייזן אויף עוולות און לערנען אַ פּרשה „יושר און גערעכטיקייט".

„מלחמות זיינען נישט קיין ליזונג פון אינטערנאַציאָנאַלע פּראָבלעמען"...

„יעדער אָנהייב פון אַ מלחמה איז אומגערעכט, אַפילו ווען די מאָטיוון זאָלן זיין גערעכט(ע)"...

„אין קיין שום אינטערנאַציאָנאַלע קאָנפליקטן טאָר נישט באַנוצט ווערן (קיין) מיליטערישע קראַפט"...

ווייסן דאָך גוט די רעדאַקטאָרן פון „אונדזער צייט", אַזוי ווי די לייענערס ווייסן, אַז קיין אַראַבער לייענען ניט דעם זשורנאַל, נאָר יידן. און פאַר די יידן — ישראלדיקע, צי אַמעריקאַנער, צי „אינטערנאַציאָנאַלע" יידן, דאַרף מען דאָך ניט אויפדעקן די גרויסע חכמה־רייד און שטאַנצאָווע פראַזן.

פאַרוואָס ניט ריידן פשוט און פראָסט, אָפן און קלאָר און אָנווייזן, אַז מלחמה איז ניט קיין אומרעכט, ווען אַ צווייטער באַפאַלט און דער באַפאַלענער מוז זיך קעגנשטעלן!

אַז די יידישע מדינה איז די לעצטע מלוכה אויף דער וועלט, וואָס וויל פירן מלחמות סיי צוליב דער פאָלקס־פסיכיק, וואָס האָט יאָרטויזנטער גע־פירט מלחמות בלויז מיטן וואָרט און געדאַנק, סיי איבער דעם, וואָס דער יידישער ישוב איז מער פאַראינטערעסירט צו בויען, איידער צו צעשטערן און חרוב מאַכן. יידן — נאַציאָנאַליסטן פונקט ווי אינטערנאַציאָנאַליסטן — ווייסן צו גוט דעם טעם פון חורבות, חרוב ווערן און געשלאָגן ווערן!

אַפילו ווען יידישע זעלנער האָבן באַזיגט זייערע שונאים, זיינען זיי נישט געווען אין זיבעטן הימל, ווייל נישט וועגן דעם זיינען זיי געקומען, אָדער געבוירן געוואָרן אין ישראל. זייער חלום איז צו בויען, וואַקסן, זיך אַנטוויקלען און פאַרשפרייטן ווייסן. מלחמה? — נאָר אין צייטן פון סכנה און ווען מע מוז זיך פאַרטיידיקן.

און אָט וואָס גענעראַל יצחק ראַבין, (רב אַלוף) אַרמיי־שעף פון ישראל, האָט איבערגעגעבן:

„מיר טרעפן זיך אָן אויף אַ מאָדנער דערשיינונג צווישן די קעמפערס: זיי קאָנען זיך נישט פרייען מיט קיין גאַנץ האַרץ. זייער פרייד איז אויסגעמישט מיט מער ווי אַ מעסטל טרויער, און אויך מיט שטוינונג. די קעמפערס אונדזערע האָבן געזען נישט בלויז דעם רום פון זיג, נאָר אויך ווי טייער מיר האָבן פאַר אים באַצאָלט. אויך די מוראַדיקע פאַרלוסטן פון שונא האָבן פיל פון זיי געטראָפן אין האַרץ". מעגלעך אַז דאָס יידישע פאָלק איז ניט דערצויגן געוואָרן צו פילן פרייד פון דעראָבערן און פון נצחון, און דעריבער נעמען מיר דאָס אַלץ אויף מיט געמישטע געפילן. דאָס איז — האָט ער געזאָגט — פון די זעלטענע פאַלן; ס'איז אַ ספק צי עס זיינען פאַראַן פיל אַזעלכע ענלעכע פאַלן אין דער געשיכטע פון פעלקער. (פון לייב ראָכמאַנס אַרטיקל „דער זיגער איז טרויעריק" — „צו־קונפט", יולי־אויגוסט, 1967).

און גענעראַל ראַבין האָט ווייטער געזאָגט, אַז „אונדזערע קעמפערס האָבן

געהאַט די טיפע דערקענטניש פון דער מאָראַלישקייט פון זייער מלחמה. זייער זיג איז געווען אַ רעזולטאַט פון אַן אַנטפּלעקונג. לאַגיש קען מען דאָס נישט אויסטייטשן. זייער שטייגן, זייער אויפהייבן זיך הויך איז געקומען — נישט אין זכות פון אייזן — נאָר אין זכות פון זייער גלויבן אין זייער גערעכטער שליחות".

אויך אַנדערע קאָמאַנדירן פון דער ישראל אַרמיי האָבן רעדנדיק נאָך די שלאַכטן צו די זעלנער דערמאָנט, אַז „מיר האָבן באַפרייט אונדזער פאָלק פון דער געפאַר פון פאַרניכטונג" — ווי ס'האָט זיך אויסגעדריקט בריגאַדיר טל, קאָמאַנדיר פון די פאַנצער־כוחות.

אָבער צום מערקווירדיקסטן איז דער ענטפער פון אַ ישראל־פּילאָט, וואָס גיט איבער ווי אַזוי ער האָט געפילט אַלס זיגער. מיר וועלן לאָזן ווייטער ראַכמאַנען דערציילן:

עס ענטפערן דעם פּילאָט סרן (קאַפּיטאַן) גיורא:

„עס זיינען דאָ מאָדנע זאַכן אין מלחמה. איך האָב זיך געפרייט יעדעס מאָל ווען איך האָב געזען, אַז דער פּילאָט פון דעם עראָפּלאַן, וואָס איך האָב אַראָפּגעשאָסן, שפּרינגט און ראַטעוועט זיך. עס איז שווער דאָס אויפצוקלערן, אָבער — דאָס איז אַ פאַקט".

און דאָס בחורל גיורא פון חיפה, וואָס שטאַמט פון פּוילישע יידן, גיט איבער ווי ער האָט געפילט ביים אויסברוך פון דער מלחמה אין יוני, 1967:

„פּלוצעם האָט זיך אַלץ געענדערט. ס'איז געקומען אַן אַנדער געפיל. דאָס איז נישט געווען קיין קאַמפּסלוסט (מיין קורסיוו — ר. פּ.), קיין מלחמה־שאַלונג, נאָר איך האָב מיט אַמאָל געשפּירט אויף דער פּלייצע אַ מין שווערע לאַסט פון אַחריות, אַז די אַקסלען האָבן זיך מיר געבויגן. ס'איז געווען אַ קאָנצענטראַציע פונעם איין און איינציקן געדאַנק, אַז אַזוי פיל איז אָפּהענגיק פון דיר — אַזוי פיל אויסזיכטן אויף לעבן, אַזוי פיל פון דער צוקונפט פון דער מדינה".

איז כאָטש איינעם פון די קריטיקערס און בייסיקע קעגנערס פון דער יידישער מדינה אויף אַ רגע איינגעפאַלן אַזעלכע אַחריותן זיצנדיק אויף זיכערע ערטער אין אַמעריקע, צי אַנדערע לענדער? איז כאָטש איינעם פון די אידיי־אישע קעגנערס, וואָס פירן נאָך אַלץ אַ פאַפירענע מלחמה מיטן „ציוניזם", אַרויף אויפן געדאַנק: פון וואַנעט נעמט זיך אַזאַ אויסטערלישער מין זעל־נער און קעמפערס אין מדינת ישראל, וואָס זאָרגט זיך וועגן גורל פון זיין שונא, בעת ער שיסט אַרונטער יענעמס עראָפּלאַן וועלכער איז דאָך געפלויגן צו אַטאַקירן דעם ישראלדיקן פּילאָט און זיינע ברידער און שוועסטער — פון וואַנעט קומט אַזאַ מאָראַלישער כוח און אַזוי פיל האַרץ אַפילו לגבי דעם שונא:

נאָך עדות פון דעם אומגלויבלעכן מין ישראל־קעמפּער? — לאָמיר הערן, וואָס דער יונגער זעלנער־זשורנאַליסט יגאל לעוו, דער זון פון יידישן פּאָעט אברהם לעוו, האָט צו זאָגן:

„איך מיין אַז מיר, יידן, וועלן קיין מאָל נישט קאָנען זיין קיין אָקופּאַציע־אַרמיי, אַזוי ווי אַרמייען פון אַנדערע פעלקער זיינען דאָס. מיר האָבן אין זיך עפּעס אַ דינעם פאָדעם פון געפיל, וואָס באַגרייפט ניט קיין אַכזריות און אַנטוויקלט עס נישט אין אונדז... בעת אַ הויז־זוכונג אין אַן אַראַבישן דאָרף, וואָס מיר האָבן פאַרנומען, האָבן מיר זוכנדיק געוועזן אין הויז פון אַ שעיך דערהערט ווי אַ קינד האָט זיך צעוויינט. די זעלנער, הערנדיק דאָס געוויין, האָבן נישט געקענט קומען צו זיך. זיי זיינען אַלע געבליבן אומבאַהאָלפן. זייער קאָמאַנדיר איז געגאַנגען רופן די מאַמע פון דעם אַראַבישן קינד".

באַוואונדערן אַ זעלנער מיינט נאָך נישט צו זיין אַן אַנהענגער פון מלחמה. אָבער ווי אַנדערש זיינען פאַרט די יידישע סאָלדאַטן פון ישראל, וואָס ווערן געצוואונגען ניט פון „ציוניסטישע פירערס" צו גיין אין מלחמה, נאָר פון די כלומרשטע סאָציאַליסטישע, מאַרקסיסטישע הערשערס וועלכע באַוואָפענען כסדר די אַראַבישע וועלט און גרייטן צו דעם באָדן פאַר נייע מלחמות.

אין דער רעזאָלוציע פון וועלט קאָאָרדינירקאָמיטעט פון „בונד" און אויף די זייטן פון „אונדזער צייט" געפינען מיר אָבער אַז „דער מיליטערישער זיג פון ישראל דאַרף נישט פירן צו קיין פאַרבלענדונג"...

נו, צו זען אויף ווי ווייט די ישראל־זיגערס ווערן פאַרבלענדט, וועלן מיר ווידער ציטירן אַן אויסצוג פון לייב ראַכמאַנס אַרטיקל „דער זיגער איז טרויעריק", וואָס איז געווען געדרוקט עטלעכע וואָכן נאָכן היסטאָרישן זיג אין דער 6 טאָגיקער מלחמה:

„איצט האָבן זיי, אונדזערע זיגערס די קעמפערס, זיך אומגעקערט אין די היימען און זיי קאָנען זיך ניט פרייען. זיי זיינען אַלע מיטאַמאָל עלטער געוואָרן, און פאַרטראַכט. זיי קאָנען ניט הנאה האָבן פון דעם טעם פון נקמה. ער איז זיי פרעמד. זיי בעטן ביי זייערע עלטערן, וואָס פרייען זיך מיט זייער צוריקקערן זיך גאַנצערהייט אַהיים, אַז זיי זאָלן זיי לאָזן זיין אַליין. זיי ווילן נישט גיין אויף פייערונגען, פאַראַדן. עס פעלט זיי זייערע נאָענטסטע חברים, וואָס זיינען געפאַלן, און עס ווילן זיך נישט אָפּטאָן פון זייערע אויגן די בילדער פון דעם שונאס פאַלן פון זיין מפלה. ווען יענער פאַלט, איז ער מער נישט קיין שונא. (מיין קורסיוו) ער איז אַ מענטש אין זיינע לעצטע מינוטן. יידן ווייסן אַז יעדער מענטש איז געבאָרן אין גאָטס געשטאַלט. דאָס איז אונדזער שוואַכקייט און דאָס איז אונדזער כח. דאָס איז חכמה און די דערפאַרונג פון אַן אַלט פאָלק. אויך אונדזערע קינדער זיינען זקנים. זיי זיינען אונדזערע קינדער, און מיר האָבן לאַנג דאָס נישט געוואוסט".

קעגן אַזעלכע קעמפערס דאַרפן מיר עס נוצן אַזעלכע פיילן, ווי מיינע

חברים האָבן גענוצט אין זייער אייפער צו וועלן זיין „אינטערנאַציאָנאַל" און פֿאַרגעסנדיק אַז דער אַראַבישער נאַציאָנאַליזם האָט דאָך גורם געווען די מלחמה, זייער אונטערגעהעצטער פֿאַנאַטיזם און דעראָבערישע ספּערע־איני־טערעסן מצד די סאָוועטישע אימפּעריאַליסטן, וואָס האָט געצוואונגען די יידישע מדינה אַרויסצוהאַקן דאָס מעסער פֿון קוילערס האַנט.

איז אויב — ווי חבר שערער האָט פּראָקלאַמירט — דער „בונד" וויל „בעסער אַ שווער לעבן מיט אַ גרויסן, גאַנצן און אייגענעם ציל", וואָס־־זשע קען נאָך זיין פֿאַר אַ גרעסערער און גאַנצערער ציל ווי זיך צו שטעלן אויף דער זייט פֿון דעם אַרומגערינגלטן פֿאָלק, וואָס ווערט פֿון אַלע זייטן באַדראָט, און זיך סאָלידאַריזירן מיט זיין קאַמף און מיט זיינע נויטן, ווען אַפֿילו עס זיינען איינעם ניט צום האַרצן די פֿירערס פֿון פֿאָלק?!

אָבער די שטעלונג פֿון „בונד" צו דער אַראַביש־ישראלדיקער מלחמה אין די גורלדיקע טעג פֿון יוני 1967 איז — לויט מיין מיינונג — געווען און פֿאַרבליבן געשיכטלעך אַ סקאַנדאַליעזע. כ'האָב שוין וועגן דעם בשעתו רע־אַגירט בקיצור אין מיין בריוו צום „פֿאָרווערטס" (אַפּריל 13, 1967) און אין מיין ספּעציעל־אַרויסגעגעבענער בראָשור „די אַראַבער־ישראל מלחמה און דער בונד" (יוני, 1967, ניו יאָרק). הן דער וואָרעמער אָפּרוף פֿון אַ גרויסער צאָל בונדיסטן און סתם יידן אין דער פּרעסע, הן די מינדלעכע אָפּרופֿן און בריוו, האָבן באַשטעטיקט אַז די דעקלאַמאַציע־שורות וועגן „גרויסע צילן" און „קוואַליטעט", צו וועלכע דער „בונד" פֿאַרמעסט זיך, האָבן מיט די רעאַלע פֿאַקטן קיין שייכות ניט. זיי זיינען ווייט פֿון די אינטערעסן פֿון יידישן פֿאָלק. און אויב דער „בונד" וויל, אַריינגייענדיק אין 71טן יאָר, פֿאַר־זעצן זיין גלאָררייכע פֿאַרגאַנגענע געשיכטע ווי אַ פּאַרטיי אין יידישן לעבן, וועט ער מוזן אויפהערן לעבן אויף די לאָרבער־קראַנצן און צוריק ווערן אַן אמתע פֿאָלקס־פּאַרטיי און ניט קיין אַנטי־פֿאָלק־טריבונע.

ניט אונטערשאַצן, נאָר איבערשאַצן ווערטן, מעטאָדן און דערגרייכונגען

די אומגעהויערע דערגרייכונגען פֿון 70 יאָר „בונד" קאָן קיינער נישט אָפּמעקן פֿון דער געשיכטע און קיינער טאָר עס נישט וועלן טאָן. אָבער איבערשאַצן איבעראַנייס מעטאָדן און פּרינציפּן־איינשטעלן אין ליכט פֿון

נייע געשיכטלעכע אַנטוויקלונגען דאַרפֿן מיר זיין גרייט, אויב ניט ווערן מיר אַ קאַנאַניזירטע רעליגיע, ווי פֿאַנאַטישע רעליגיעס און פּאַרטייען, וואָס קענען זיך נישט צופּאַסן צו די נויטן פֿון פֿאָלק און פֿון דער צייט.

70 יאָר „בונד" איז זיכער אַ ווערטפֿולע וויכטיקע געשיכטלעכע דאַטע אין דעם לעבן פֿון יידישן פֿאָלק אַפֿילו פֿאַר דער אי־צטיקער עפּאָכע. די קעגנערס פֿון דער בונדישער אידעע אַנערקענען עס מיט רעספּעקט און ווירדע. ס'איז אפשר איבעריק פֿון מיין זייט זיך צו דערקלערן אין ליבע צום „בונד". ווען נישט וואָלט דאָס געהייסן פֿאַרלייקענען זיך אַליין.

ווילכער בעל־שכל וויל דאָס טאָן?

טאַקע דערפֿאַר, ווייל מיין ליבע איז גרויס אָן גרענעצן צום „בונד", פֿאַרדריסט מיך און פֿאַרשאַפֿט מיר עגמת־נפש, ווען איך לייען לעצטנס די בונדישע פּרעסע אין וועלכער ס'קומען צום אויסדרוק געדאַנקען און שטעלונגען, וואָס זיינען לגמרי נישט צוגעפּאַסט צו דער צייט אין וועלכער מיר לעבן און במילא קאָן דאָס פֿירן צו דער אָפּשוואַכונג פֿון דער 70־יאָריקער גלאָררייכער געשיכטע פֿון „בונד".

נישט גלאָט צוליב פּאָלעמיק, נאָר צוליב זאַכלעכקייט אַליין, דערוואַרט איך אַן ענטפֿער אויף אייניקע געדאַנקען און פֿראַגן, כדי ס'זאָל זיין קלאָר און פֿאַרשטענדלעך פֿאַר יעדן בונדיסט און ייד.

אָט לייען איך אַן אַרטיקל „70 יאָר בונד" אין דעם בונדישן זשורנאַל „לעבנס־פֿראַגן", וואָס דערשיינט אין ישראל (נאָוועמבער־דעצעמבער 1967):

„ס'איז נישט קיין צופֿאַל, וואָס די באַוועגונגען „בונד" און ציוניזם, זיינען געבוירן געוואָרן אין דער זעלביקער צייט. די אַנטשטייאונג פֿון דיביידע באַוועגונגען האָט אָפּגעשפּיגלט די נייע תקופֿה אין יידישן לעבן, ווען די מאָדערנע שטראָמען פֿון קאַפּיטאַליזם האָבן גענומען אַריינדרינגען אין דער יידישער גאַס אַריין.

די אַנטשטייאונג פֿון ביידע באַוועגונגען „בונד" און ציוניזם האָט גלייכצייטיק אָפּגעשפּיגלט די קלאַסן־דיפֿערענציאַציע, וועלכע דער קאַפּיטאַליזם האָט אַריינגעברענגט אינעם יידישן לעבן. דער „בונד" איז געווען די באַוועגונג פֿונעם אויפֿוואַכנדיקן יידישן אַרבעטער־קלאַס; דער ציוניזם, דאַקעגן, איז געווען די באַוועגונג פֿונעם אויפֿאַכנדיקן יידישן בירגערטום. פֿון דאַנען שטאַמען עס די צוויי קעגנזעצלעכע אידעאָלאָגיעס. דעם גורל פֿון יידישע אינטערעסן האָט דער „בונד" פֿאַרבונדן מיט דעם אַלגעמיינעם קאַמף פֿאַר אַ נייער סאָציאַל־פּאָליטישער אָרדענונג. דער ציוניזם, דאַקעגן, ווי אַן ענג־נאַציאָנאַלע באַוועגונג, האָט געזוכט דעם אויסוועג פֿאַרן יידן־פּראָבלעם — צוריקצוקערן זיך אין דעם לאַנד פֿון די אָבות קיין ארץ־ישראל".

בין איך פֿולשטענדיק מסכים מיט די אויבנדערמאָנטע פֿאָרמולירטע געדאַנקען און איך גלויב, אַז יעדער דענקנדיקער מענטש קאָן און דאַרף

מיט דעם מסכים זיין און סיי דער „בונד״, סיי דער ציוניזם דאַרף דאָס נישט מער באַשטרייטן. ס׳איז טאַקע אויך פאָרגעקומען אַ ביטערער, שווערער געראַנגל צווישן צוויי היסטאָרישע אידעאָלאָגיעס. מ׳דאַרף נאָך צוגעבן צו דעם, אַז אין געראַנגל פאַר זיין אידעאַל האָט דער „בונד״ געזוכט אַ שותף דעם סאָציאַל-פּאָליטישן עלעמענט פון לאַנד, אין וועלכן די יידישע מאַסן האָבן געלעבט, און ווירדיק און מוטיק געקעמפט מיט דער לאָזונג „פאַר אונדזער און אייער פרייהייט און רעכט״. ס׳האָט אַנדערש ניט געקאָנט און געדאַרפט זיין. דער ציוניזם ווידער האָט אין זיין געראַנגל זיך געשטיצט אויף אַלע עלעמענטן פון אייגענעם פאָלק, אַפילו סאָציאַליסטישע, רעכטע און לינקע, און געפירט אַ פּאָליטיק פון שתדלנות און דיפּלאָמאַטיע, באַנוצט זיך מיט די זעלביקע מעטאָדן ווי אַלע אַנדערע נאַציאָנאַל-בירגלעכע עלע־מענטן פון אַלע פעלקער.

האָבן זיי געקאָנט אָנווענדן אַנדערע מעטאָדן אין זייער געראַנגל? אויך דאָס מוז גוט פאַרשטאַנען ווערן און אַפילו אָנערקענט ווערן.

אין לעצטן פערטל יאָרהונדערט איז די וועלט דורך דעם דייטשישן פאַשיזם אַריינגעוואָרפן געוואָרן אין אַ וועלט-מלחמה. סיי די קאַפּיטאַליסטי־שע לענדער, סיי די סאָציאַליסטישע לענדער האָבן שווער און ביטער געליטן פון דער מוראדיקער קאַטאַסטראָפע, אָבער צום שטאַרקסטן האָט געליטן אונדזער יידיש פאָלק: זעקס מיליאָן קדושים און מאַרטירערס, אָפּגעווישטע ישובים גאַנצע, וועלכע וועלן שוין קיין מאָל קיין תחית-המתים נישט אויפ־שטיין. דער בלוט-שטייער פון יידישן וועלט-פאָלק פאַרן קיום פון דער גאַנ־צער וועלט — וואָס פאַראַ מוראדיקער פּרייז!

לאָמיר געבן אַן אויפריכטיקן בליק אויף די רעזולטאַטן פון די אידעאַ־אישע געראַנגלען סיי פון „בונד״, סיי פון די ציוניסטן בשעת דער גרויזאַמער קאַטאַסטראָפע: העראָאישער ווירדיקער ווידערשטאַנד אין וואַרשעווער און אַנדערע געטאָס, ווילדער פּליטים-געלויף פון אַלע שיכטן פון דער יידישער באַפעלקערונג פון אַלע קאַפּיטאַליסטישע און סאָציאַליסטישע לענדער אין „קיינעמס לאַנד״ און קיין „פּאַלעסטינע״ מיט דער מאַטעריעלער הילף פון דעם רייכסטן יידישן ישוב פון די אַמעריקעס; ביי דער פולער גלייכגיל־טיקייט פון אַלע קלאַסן, פון אַלע פעלקער.

נאָך דעם אַלעם, ווער קאָן אָפּפרעגן דעם אידעאַליזם פון די פּיאָנערן פון „בונד״ און ציוניזם, וואָס איז געווען אַ נאַטירלעכער רעזולטאַט פון דער יידישער ווירקלעכקייט וואָס איז געפלעגט געוואָרן אין משך פון די 70 יאָר, דורך יעדן אויף זיין שטייגער, מיט זיינע אייגענע מעטאָדן און וועגן.

קאָן מען רעדן נאָך דעם וויסטן דריטן חורבן פון אונדזער פאָלק וועגן „זיג פון ציוניזם", אָדער „זיג פון בונדיזם"? דער זיג פון בונדיזם איז באַשטאַנען פון געפּלאָגטע רעשטלעך פּליטים לויפנדיק פון די „סאָציאַליסטישע" לענדער צו די קאַפּיטאַליסטישע לענדער מיט פאַרמאַכטע טויערן, ראַנגלענישן פאַר דער עקאָנאָמישער עקזיסטענץ אין נייע פרעמדע לענדער מיט פרעמדע פאַר זיי קולטורן, געשפּאָלטענע נשמות, טראַגישע איבערלעבונגען און קאָשמאַרן פון דער פאַרגאַנגענהייט, אָבער מיט ניט קיין פאַרלוירענעם גלויבן אין דעם אידעאַלן בונדישן חלום, אַז די רעטונג פאַר זיי, פאַר זייער סאָציאַלער און נאַציאָנאַלער באַפרייאונג, איז אָפּהענגיק פון דער באַפרייאונג פון אַלע פעלקער.

כ'בין ווייט דערפון צו האָבן אַ גוט וואָרט פאַר דער פּאָליטיק, וואָס דער ציוניזם האָט געפירט פאַר דעם דריטן חורבן, דעריבער וועל איך זיך באַנוגענען מיט ציטירן די ווערטער פון דעם לייט־אַרטיקל „70 יאָר בונד":

„ערשט דער פאַרקריפּלטער גאַנג פון דער מענטשלעכער געשיכטע, באַזונדערס דער גרויזאַמער מאָרד איבער זעקס מיליאָן יידן, האָט עס פאַרשטאַרקט ביי די יידישע מאַסן דעם דראַנג צו אַן אייגן לאַנד און האָט אין אַ גרויסער מאָס באַווירקט דעם קאַמף פון יידישן ישוב אין פּאַלעסטינע פאַר מלוכהשער זעלבסטשטענדיקייט";

און ווייל דער דאָזיקער קאַמף איז זיך צונויפגעפאַלן מיט די אינטערעסן פון רוסלאַנד און אַמעריקע האָט עס דערפירט צו דער אַנטשטייאונג פון מדינת־ישראל".

בין איך מסכים מיט דעם געדאַנק, אָבער ס'ווילט זיך פרעגן:

איז דער דאָזיקער רעאַלער פאַקט אַ פּאָזיטיווע געשעעניש פאַר דעם יידישן פאָלק? קאָן די דאָזיקע געשעעניש לכל־הפחות באַצייכנט ווערן ווי „אַ זיג פון ציוניזם"? איז אין דער דאָזיקער געשעעניש פאַראַן אַ חלק פון דער ציוניסטישער אידעע?

יעדער אויפריכטיקער דענקענדיקער מענטש און אַפילו קעגנער פון ציוניזם מוז דאָך אויף די פראַגן געבן אַ פּאָזיטיוון ענטפער; אַ טיילווייזער זיג איז עס פאָרט.

אַ פּאַרטיי, — וועלכע וויל אַז אירע אידעען, מעגן עס זיין די בעסטע און שענסטע, זאָלן ניט בלייבן פאַנטאַסטישע חלומות, נאָר זאָלן ווערן אַ רעאַלע ווירקלעכקייט פאַר דעם גאַנצן יידישן וועלט־פאָלק, נישט קוקנדיק אויף דעם, וואָס דאָס פאָלק איז צעטיילט אין פאַרשיידענע סאָציאַלע קלאַסן, אַזאַ פּאַרטיי מוז האָבן דעם מוט צו אַנערקענען, אַז „דער מלוכהש־אָרגאַניזירטער ישוב פון מדינת־ישראל" איז געוואָרן דער ווירקזאַמסטער פאַקטאָר אין לעבן פאַר דער עקזיסטענץ פון גאַנצן יידישן וועלט־פאָלק, אַז דער

ישוב איז אַריינגעפּירט געוואָרן אין דער משפּחה פון די נאָרמאַל־עקזיסטירנדיקע פעלקער מיט אַלע זייערע מעלות און חסרונות. דער־ריבער מוז יעדע יידישע פּאַרטיי זיך קודם־כל שטעלן מיטן פּנים צום יידישן ישוב מדינת־ישראל.

אויב ס'זיינען פאַראַן, ביים היינטיקן טאָג, יידן וועלכע האָבן נאָך אין זייערע געדאַנקען אַז מדינת ישראל האָט אַ טראַגישן אַספּעקט — „דאָס וואָס זי איז אַנטשטאַנען קעגן דעם ווילן פון אַראַבישן פאָלק" זיינען זיי ניט נאָר שונאים פון יידישן פאָלק, נאָר אויך קעגנער פון פּראָגרעס און פעלקער־פאַרבינדונג.

דער מחבר פון דעם זעלביקן אַרטיקל איז שטאָלץ און טריאומפירט מיט זיין טעזע:

> „די פאָראויסזעאונג פון ‚בונד' האָט זיך אַרויסגעוויזן פאַר גערעכט, אַז דער גורל פון יידישן פאָלק, די לייזונג פון דער יידן־פראַגע, בלייבט ווייטער פאַרבונדן מיט דעם גורל פון דער מענטשהייט, מיט דעם זיג פון אַ דעמאָקראַ־טישער, סאָציאַליסטישער וועלט פון שלום."

אַ הערלעכע פּערספּעקטיוו, אַ משיחשע פאַנטאַזיע. אויף וועלכן „זיג" רעקאָמענדירט דאָס דער שטאָלצער בונדיסט זאָל דאָס יידישע פאָלק וואַרטן? אויף דער קאָמוניסטיש־סאָציאַליסטישער וועלט פון שלום: סאָ־וועט־רוסלאַנד, מזרח־דייטשלאַנד, פּוילן, א. אַ. וו. אָדער אַפילו אויף דער נעאָ־נאַציסטישער מערב־דייטשישער דעמאָקראַטיע?!

אפשר וואָלט גלייכער געווען צו רעקאָמענדירן די לאָזונג: „די באַ־פרייאונג פון אַרבעטער־קלאַס, ליגט אין די הענט פון אַרבעטער־קלאַס גופא" — אויף דער לאָזונג: „די באַפרייאונג פון יידישן פאָלק ליגט אין די הענט פון יידישן וועלט־פאָלק גופא". נו, ווי זאָגט דאָס פאָלקס־ווערטל: „ביז צו דער קרעטשמע דאַרף מען אויך אַ טרונק בראַנפן"!

אויב דאָס פאַרגאָסענע בלוט פון דער ישראל פאָלקס־אַרמיי, די פריי־וויליקע מאָביליזאַציע פון גאַנצן ישראלדיקן יידישן ישוב און דער אָפּ־פערוויליקער שטורמישער אויפבראויז און אָפּרוף פון אַלע יידישע ישובים אין דער וועלט אַרום דער זעקס־טאָגיקער מלחמה און אויך די סימפּאַטיע־רעזאָלוציע פון דעם סאָציאַליסטישן אינטערנאַציאָנאַל אין וועלכן דער „בונד" איז פאַרטראַטן, האָט ניט באַווירקט אַ יידישע פּאַרטיי, וואָס איז אויסגעוואַקסן אויפן באָדן פון דער יידישערווירקלעכקייט און פּרעטענ־דירט צו ווערן דער משיח־טרעגער ניט אין דער נאָענטסטער קעגנוואַרט, נאָר אַפילו אין דער צוקונפט, אַז זי זאָל קודם־כל איבערשטעלן איר הויפּט־

אידעאַישע אָריענטאַציע, זאָל זיין געוואָנדן מיטן פּנים צו ישראל — צווייפל איך צי מ׳קאָן איר בכלל טרויען זיך צו פאַרנעמען מיט די שלום־פּראָבלעמען נאָך דעם נצחון פון ישראלדיקן ישוב.

און וואָס איז מיט די אַנדערע יידישע שבטים אויף דער וועלט?

ניט דער ציוניזם אין זיין פריערדיקן פאַרמעסט און ניט דער פאַרבליבענער ציוניזם נאָך דער עטאַבלירונג פון דער מדינה האָט געקענט טראַכטן רעאַל וואָס שייך דעם גאַנצן פאַרצוויגטן יידישן פאָלק אין אַלע זיינע תפוצות. ביים שטרעבן צוריק צו קומען קיין ארץ־ישראל און ווידער באַזעצן דאָס יידישע פאָלק אויף זיין באָדן, פון וואַנעט ער איז פאַרטריבן געוואָרן, איז קודם געשטאַנען די צענטראַלע אידעע: אויסלייזן דאָס פאָלק פון גלות! דאָס האָט באַטייט — ניט צו זיין אָנגעוויזן אויף פרעמדע חסדים, פאַרמאָגן אַן אייגן לאַנד מיט אַן אייגענער מלוכה. אַפילו די פאַנאַטישסטע ציוניסטן האָבן מודה געווען, אַז דאָס גאַנצע יידישע פאָלק וועט מען ניט קענען אַריינעמען אין יידישן היימלאַנד און אַז ס׳איז אויך ניט נויטיק, מחמת אין אַלע צייטן פון יידישער געשיכטע — אַפילו אונטער שלמה המלכס הערשאַפט, שפּעטער איז דאָך שוין אָפּגערעדט — האָבן קליינע טיילן יידן אויך געוואוינט אין שכנותדיקן מצרים און אַנדערע אַרומיקע לענדער.

נו, מיט עטלעכע טויזנט יאָר שפּעטער האָט די צעזייטקייט און צע־שפּרייטקייט אָנגענומען אַ וועלט־פאַרנעם און דאָס אַלטע פאָלק איז געוואָרן אַ וועלט־פאָלק מיט דעם מאָמענט, וואָס זיינע זין און טעכטער האָבן זיך באַזעצט אין אַנדערע לענדער און האָבן ווייטער אָנגעהאַלטן זייער ספּעצי־פישן אייגענעם לעבנס־נוסח.

די יידישע גלותן האָבן — לויטן מיין פון די פאַרטרייבערס — גע־דאַרפט טאָטאַל איינשלינגען און אַסימילירן די לעבן־פאַרבליבענע רעשטן, אָבער דער גורל פון דער געשיכטע איז געווען אַן אַנדערער. און אָט די איבערזוכט צו יידישער עקשנות און יידישן אויסדויער האָט עד היום אַרויסגערופן געגנוג צרות, ווייל דאָס איז דאָך דער הויפּט־אונטערצינדער פון אַנטיסעמיטישע פייערן.

צי מיר זיינען אַליין, ווילנדיקערהייט, געוואָרן אַ וועלט־פאָלק אָדער דרויסנדיקע באַדינגונגען האָבן דערבראַכט צו דעם — איז ניט וויכטיק. דער פאַקט בלייבט אומפאַרענדערט: יידן, אין אַלע שאַטירונגען און פּאָליטישע גלויבנס, אַפילו די עקסטרעמע אַסימילאַנטן, האַלטן אָן דעם יידישן קען־צייכן — לכל הפּחות — און לייקענען ניט אָפּ זייער אָפּשטאַם און שייכות צום אַמאָל, כאָטש זיי אידענטיפיצירן זיך מיט זייער ניט־יידישן אַרום און יידישע צרות און פרייד טרייסלען זיי ניט אויף צו זיין אַקטיווע יידן. זייער עטנישע אָנגעהעריקייט צו יידן איז דער בולטסטער באַווייז, אַז זיי ווילן געהערן, צו אַ גאַנצער מאַסע און ניט צו אַ יחידישער פאַמיליע, אָדער צו דער אַלגעמיינער לאַנד־קולטור.

בונדיסטן און די בונדישע טעאָריע שפּאַרן זיך אָן אויף דער פילאָזאָפיע פון מאַרקסיזם און אויף דער עלטערער פילאָזאָפיע פון טיפערע טעאָרעטיקערס און יושר־זוכערס און מאָנערס — אויף אונדזערע נביאים.

אַזוי ווי די באַרויבטע פון יושר זיינען תמיד געווען און עד היום פאַרבליבן די אָרעמע, אַרבעטנדיקע שיכטן פון פאָלק, במילא איז דער „בונד" אויפן צד פון די שוואַכע און עקספּלואַטירטע; אויפן צד פון די געליטענע, וואָס מוזן ערשט אויסקעמפן גלייכע פּאָליטישע, סאָציאַלע און עקאָנאָמישע רעכט. צווישן דעם פּריווילעגירטן קלאַס האָט דער „בונד" ניט וואָס צו טאָן און דאָרט איז ער באַקעמפט געוואָרן. און דאָ, פאַקטיש, הייבט ער אָן אויסצוזען ענלעך אויף אָן אַנדער פּאַרטיי, וואָס נוצט אויך די מאַרקסיסטישע פאָן, רעדט אויך אין נאָמען פון די פאָלקסמאַסן און די באַעוולטע, נאָר האָט פאַרוואַנדלט די באַפרייאונגס־אידעע אין אַ דיקטאַטאָרישער בלוטיקער מאַשין, וואָס איז ניט מילדער און ניט בעסער פון בורזשואַזער הערשאַפט. איןביידע פאַלן זיינען פאַראַן קלאַסן־צעטיילונגען און דער דורשט נאָך מאַכט און אונטערדריקונג. דער חילוק צווישן „בונד" און קאָמוניזם איז גאָר אַ גרויסער און דערפאַר האָבן מיר דאָך ניט געקענט הויזן אין איין אינטערנאַציאָנאַל.

מיר זיינען געווען און פאַרבליבן קעמפער פאַר אַ פרייער וועלט, אָן די קייטן פון בורזשואַזן אימפּעריאַליזם און אָן די שפּעטערדיקע קייטן פון דעם ניי־אויפגעקומענעם קאָמוניסטישן אימפּעריאַליזם.

און ווען דער „בונד" איז פאַרטראָטן אינעם סאָציאַליסטישן אינטערנאַציאָנאַל, פאַרטרעט דער בונדישער קאָאָרדינירקאָמיטעט ניט איין לאַנד, נאָר די יידישע סאָציאַליסטן פון גאַנצן יידישן פאָלק — וואו די יידישע סאָציאַליסטן זאָלן זיך ניט געפינען. אין דעם בונדישן קאָאָרדינירקאָמי־

טעט זיינען דאָך אָנגעשלאָסן די בונדישע אָרגאַניזאַציעס פון פאַרשיידענע לענדער. מיט אַנדערע ווערטער — דער „בונד" פאַרטרעט דורך זיינע צווייגן אַלע צעזייטע ישובים פון יידישן פאָלק, און די יידישע סאָציאַליסטן אין זייערע פאַרטייען איבער דער וועלט זיינען דער סאָציאַליסטישער טייל פון דעם יידישן וועלט־פאָלק, און די יידישע סאָציאַליסטן פון מדינת־ישראל זיינען אויך אַ טייל פון אונדז.

* *

וועגן דער ראָלע פון „בונד" אין סאָציאַליסטישן אינטערנאַציאָנאַל האָט ד"ר עמנואל שערער פאָרמולירט אין זיינס אַן אַרטיקל פון „אונדזער צייט" (נאָוו. דעצ. 1947), וואו ער שרייבט:

„אַ ספּעציעלן זין לייגן אַריין דער ,בונד' און בונדיזם אינעם וואָרט ,סאָציאַליזם'. נישט קיין ,וואָרט' איז עס, ס'איז טיפסטע, הייליקסטע אידעע. ס'איז וויסנשאַפט־לעכע איבערצייגונג געפּאָרט מיט גרויסן גלויבן. ס'איז כמעט אַ נייע, מאָדערנע, אויפגעקלערטע רעליגיע".

ד"ר שערער קלערט ווייטער אויף דעם אינהאַלט פון דער „נייער רעליגיע" מיט די ווערטער:

„דער בונד האָט אין „סאָציאַליזם" אַריינגעבלאָזן אַ נשמה, וואָס צייכנט זיך אויס צווישן אַלע סאָציאַליזמען פון דער וועלט. אינטערנאַציאָנאַליזם איז אין „בונד" נישט נאָר אַ פּרינציפּ וואָס ווערט שטאַרק אָפּגעהיט. עס ווערט אַ הייליקייט, און — ווי עס געשעט מיט הייליקייטן — אָפט אַ גאַנץ אומפּראַקטישע און נישט פּאָפּולערע ,אין גאַס". ער ווערט אָבער פּאָרט קולטיווירט. די פאָן פון אינטערנאַציאָנאַלער סאָציאַליסטישער אַחדות ווערט אין ,בונד' קיין מאָל נישט אַראָפּגעלאָזט".

„אופריכטיקער אינטערנאַציאָנאַליזם" שרייבט ווייטער ד"ר עמנואל שערער — „מיינט אויך פרייהייט פאַר זיך און אַנדערע. פרייהייט פון אַלע מינים אונטער־דריקונגען: נאַציאָנאַלער, פּאָליטישער, סאָציאַלער, עקאָנאָמישער. מענטש, קלאַס און פאָלק — אַלע דאַרפן באַפרייט ווערן"... און ווייטער „אַ געפיל פאַר אייגענע עוולות פאַר אייגענער פרייהייט, פאַר אייגענעם פאָלק איז טאַקע פאַר אַ יידיש־סאָציאַליסטישער פאַרטיי וויכטיק און נויטיק, עס איז נאַטירלעך און נאָר־מאַל. (מיין קורסיוו — ר. פ.). די פראַגע איז נאָר: „וואו איז די גרענעץ פון אַט דעם נאַטירלעכן און געזונטן געפיל פאַר די אינטערעסן פון אייגענעם פאָלק? און וואו הייבן זיך אָן די אינטערעסן פון אַנדערע?" דאַרויף ענטפערט ד"ר שערער אַז: „יעדער סאָציאַליסט, יעדע סאָציאַליסטישע אָרגאַניזאַציע דאַרף פון זיך אַליין אַרויסברענגען די כוחות וואָס זיינען נויטיק, כדי בייצוקומען דעם נסיון און נישט צו שטעלן זיך מיטן אייגענעם פאָלק — „איבער אַלעס אין דער וועלט".

ריידנדיק וועגן הוראַ־פּאַטריאָטיזם ווייזט אָן ד"ר שערער, אַז די גע־רודפטע יידישע אַרבעטער־מאַסע האָט אפשר מער פון אַנדערע געדאַרפט

„פאַרשטיין די באַדייטונג פון ׳פריקהייט׳, אַז זי זאָל ניט אַריינפאַלן אין דער נעץ פון שאָוויניזם". און ער גיט צו דערביי, אַז „מיט דער צייט איז דער שאָוויניזם געוואָרן אַ גאַנץ גאַנגבאַרע סחורה ניט בלויז אין דער יידישער נאָר אויך אין דער ברייטער וועלט, סאָציאַליסטישע פּאַרטייען ניט אויסגעשלאָסן".

מיר דוכט, אַז דאָ האָט חבר שערער פאַרביטן די באַגריפן פון אַ מין מלחמהדיקן פּאַטריאָטיזם, מיט בריטישן פּאַטריאָטיזם — דעם „דויטשלאַנד איבער אַלעס" צוגעשריבן צו אונדז. דאָס איינציקע וואָס מען קאָן אויפוואַרפן געוויסע יידישע שיכטן איז אַן אתה בחרתנישקייט און אויך אין דעם פּרט האָט מען אַ היפּש ביסל איבערטריבן הן צווישן די גלויביקע, הן צווישן די ניט גלויבערס. דער שאָוויניזם איז זיכער ניט געקומען פון דער יידישער צו דער ברייטער וועלט און צו די סאָציאַליסטישע פּאַרטייען. דאָס איז דאָך פּאַקטיש דער אייביקער כוחות־געראַנגל פון נאַציאָנאַליזם און אינטערנאַציאָנאַליזם און ווער קומט ערשט און וועמענס אינטערעסן זאָלן מיר צו ערשט פאַרטיידיקן — פון אונדזער פאָלק, צי פון דער וועלט? — ר. פ.).

ד"ר עמנואל שערער קומט צום אויספיר אין זיין אַרטיקל, אַז „די נייע מאָדערנע רעליגיע" פון „בונד" איז „די פּאַרטיי פון אַ דריטן וועג; אַז דער בונדיזם פּאַרוואַרפט דעם געדאַנק פון „דער עיקר יידן", אָדער „דער עיקר סאָציאַליסטן". ער האַלט אַז „דער בונדישער סאָציאַליזם איז נישט צו ערשט יידיש און דאַן סאָציאַליסטיש און ניט פאַרקערט: צו ערשט סאָציאַליסטיש און דאַן יידיש. ער איז ביידע צוזאַמען אין דער גלייכער מאָל און גלייכצייטיק".

וועלן מיר בעסער אַ מיש טאָן דעם קאַלענדאַר און ציטירן וואָס ד"ר עמנואל שערער האָט געזאָגט וועגן „בונד" צו זיין 50 יאָריקן יובל.

ער פאַררופט זיך אויף דעם פראַנצויזישן רעוואָלוציאָנערן פירער עמאַנואל זשאָסעף סיעיעס (סיעז), וואָס האָט פאָרמולירט ערב דער גרויסער פראַנצויזישער רעוואָלוציע, אַז נישט דער אופן פון אַן איבערקערעניש פון די סאָציאַל־פּאָליטישע כוחות איז דעצידירנדיק. אין אַ היסטאָרישער אָפּשאַצונג פון אַ רעוואָלוציע איז דער עיקר דער פאַרנעם און די טיפקייט פון דער ענדערונג, וואָס זי האָט אַרויסגערופן אין די סאָציאַל־פּאָליטישע כוחות פון דער געזעלשאַפט. דאָס איז דער דעצידירנדיקער פאַקטאָר. ער, דער אַלטער פראַנצויזישער רעוואָלוציאָנער (1748 — 1836) האָט עס פאַר־

מולירט אין די באַרימטע צוויי זאַצן: „וואָס איז דער דריטער שטאַנד? — גאָרנישט! וואָס דאַרף ער זיין — אַלץ!".

אין פראַנקרייך גופא זיינען אָט די צוויי קורצע זאַצן אין יענער צייט געוואָרן אַ מעכטיקער קאַמפּס־רוף פון אַלע מינים רעכטלאָזע, אָנגעהעריקע צום אַזוי־גערופענעם „דריטן קלאַס" — ס'הייסט „דער דריטער שטאַנד". אָט די צוויי זעלביקע זאַצן קענען אויך דינען יעדער רעוואָלוציע — אָפּגע־זען פון צייט, לאַנד און פאָלק און גאָר באַזונדערס שפּיגלט זיך אין זיי אָפּ אויך „די גרויסע יידישע רעוואָלוציע", וואָס דער „בונד" האָט מיט זיך געבראַכט.

און ד"ר עמנואל שערער פּאַראַפראַזירט עס:

„די יידישע אַרבעטער־ און פאָלקס־מאַסע ערב 'בונד' — גאָר נישט! וואָס האָט זי געדאַרפט ווערן, כדי דאָס יידישע פאָלק זאָל קאָנען אַרויף אויף נייע שליאַכן צוגעפּאַסט צום רוף פון דער נייער צייט? — אַלץ!" און — „די יידישע אַר־בעטער־ און פאָלקס־מאַסע איז טאַקע געוואָרן — אַלץ!"

צום 50טן יובל זאָגט ד"ר שערער:

„די פאַרגאַנגענע 50 יאָר זיינען לעבעדיקע, באַשיינפּערלעכע עדות פון אָט דעם גרויסן אויפשטייג פון דער יידישער פאָלקס־מאַסע: „פון גאָרנישט צו אַלץ!"

„מיר זיינען אַ ,גלות' פאָלק, אַ מינדערהייט צווישן מערהייטן, אַ וועלט־פאָלק. יידישער גורל איז געבונדן מיט אַנדערע פעלקער און באַזונדערס מיט די, מיט וועלכע מיר לעבן אונטער איין דאַך. יידן קענען נישט אויסגעלייזט ווערן איינער אַליין. אויפן אָרט, אין סאָלידאַריטעט און צוזאַמענאַרבעט מיט די פאַרשריט־לעכע כחות צווישן די שכנישע פעלקער ליגט אונדזער צוקונפט. ממשותדיקער און ווירקזאַמער קאַמף קעגן די פאַרשיידענע פאָרמען פון נאַציאָנאַלער אונטער־דריקונג און דיסקרימינאַציע לגבי די יידן איז און מוז גלייכצייטיק אויך זיין קאַמף קעגן דער סאָציאַלער אָרדענונג פון קאַפּיטאַליזם און קעגן יעדער פאָרעם פון אונטערדריקונג בכלל".

אויפן סמך פון דער ציטאַטע און אַנדערע לענגערע שטעלן וואָס ד"ר עמנואל שערער האָט אַרויסגעבראַכט וואָלט דער וועלט־קאָאָרדיניר־קאָמי־טעט פון „בונד" געדאַרפט מאַכן פאַר זיין אויפגאַבע, אַז זיין פּראָגראַם זאָל ווערן די פּראָגראַם פון דעם גאַנצן סאָציאַליסטישן אינטערנאַציאָנאַל.

ס'וועט זיין אַ היסטאָריש־פּיאָנערישע אַרבעט פאַר דער נישט־יידישער סאָציאַליסטישער באַוועגונג. בלויז מיט דעם וועט דער וועלט־קאָאָרדיניר־קאָמיטעט פון „בונד" זיין ראוי און מעגן פּרעטענדירן צו זיין אַ וועלט־פּאַרטיי פון יידישן פאָלק. ער דאַרף שטרעבן צו ווערן אַ טייל פון אַן אַל־געמיינעם יידישן וועלט־פּאַרלאַמענט, לאָמיר זאָגן — פון יידישן וועלט־

קאָנגרעס, וועלכער דאַרף אויך געוויילט ווערן דורך דעמאָקראַטישע וואַלן פון אַלע יידישע ישובים.

לויט מיין מיינונג קען מען מאַכן די ווייטערדיקע אויספירן וועגן „יידישן וועלט־פאָלק״:

1) ס׳איז נויטיק אַ יידישע נאַציאָנאַלע קערפּערשאַפט אין אַלע יידישע ישובים, געבויט אויף די שטאָטישע קהילות, אין וועלכע עס זאָלן זיין פאַרטראָטן אַלע אידעאיש־פּאָליטישע ריכטונגען פון יידישן לעבן.

2) ס׳איז נויטיק אַן אַלגעמיינע וועלט־אָרגאַניזאַציע פאַר אַלע יידישע ישובים — אַ יידישער וועלט־פּאַרלאַמענט, וואָס זאָל אַרומנעמען אויך די ישראל־מלוכה.

וואָס שייך דעם קאָאָרדינירן־קאָמיטעט פון „בונד״, וועט ער מוזן ענדערן זיין שטעלונג צו דער ישראל מדינה און זיין פּאָליטיק, די שטעלונג מוז זיין אַ פּאָזיטיווע — פריער פון אַלץ, און אַ קלאָרע. דער ישראל־ישוב קען ניט אַנדערש באַטראַכט ווערן ווי איינער פון די וויכטיקסטע ישובים פון וועלט־פאָלק. און ווען איך זאָג אַז דער קאָאָרדינירן־קאָמיטעט דאַרף זיך שטעלן מיטן פּנים צו ישראל, טייל איך אָפּ פולשטענדיק דעם ישוב פון ציוניזם.

פאַר די בירגער פון דער יידישער מדינה איז ציוניזם מער ניט אַקטועל, ווי כ׳האָב עס אַרויסגעבראַכט אין 1965 („אונדזער צייט״ מערץ־אַפּריל 1965) ווי אַ טעזע צו דער פערטער וועלט־קאָנפערענץ פון „בונד״:

„...מדינת ישראל איז געבויט אויף קאַפּיטאַליסטישע יסודות אין שותפות מיט דער מלוכה און די דאָרטיק־עקזיסטירנדיקע פּראָפעסיאָנעלע אַרבעטער־פאַראיינען — הסתדרות. ס׳איז דער איינציקער יידישער ישוב, אין וועלכן די בירגער פון יידישן וועלט־פאָלק בילדן אַ מערהייט, בויען, שאַפן און קעמפן פאַר איר זעלבסטשטענדיקייט און אומאָפּהענגיקייט. די מדינה האָט זיך דערוואָרבן איר מלוכה־רעכט מיט אַ פאַרטרעטערשאַפט אין די יונייטעד נעישאָנס צוגלייך מיט אַנדערע מלוכות. ס׳קומט אין ישראל אַמבולטסטן צום אויסדרוק דער קלאַסן־קאַמף פון די יידישע אַרבטנדיקע מאַסן און די אימיגראַציע איז אָפן פאַר די יידישע וועלט־בירגער פון אַלע לענדער״.

אין היינטיקע טעג צו פאַרשווענדן רייד, ענערגיע און פּלענער צו באַקעמפן ציוניזם מיינט זיך צו שפּילן אין אָפּגעשפּילטע און אויסגעשפּילטע קאַמפן. דער „בונד״ דאַרף זיך באַפרייען פון דאָזיקן ציון־קאָמפּלעקס.

איבערצוגעבן וועגן דער לאַגע פון ציוניזם אין ישראל וועלן מיר בעסער לאָזן דערציילן איינעם, וואָס קען די דאָרטיקע לאַגע זייער גוט, ווייל ער גיט זיך אָפּ מיט האַלטן דעם פּולס פון יידישן היימלאַנד און

שיקט איבער וועגן דעם צושטאַנד צו דער יידישער פּרעסע אין אויסלאַנד. דוד פלינקער, דער ישראל־קאָרעספּאָנדענט פון ניו־יאָרק „טאָג־מאָרגען זשורנאַל", גיט איבער אין זיין לענגערן אַרטיקל פון 1טן נאָוועמבער, 1967 וועגן „די פּלענער פון ישראל אויפצולעבן דעם וועלט־ציוניזם" מיט די ווייטערדיקע ווערטער:

„די ציוניסטישע באַוועגונג, וואָס הערצל האָט מיט זיבעציק יאָר צוריק געשאַפן, האָט דערלעבט די פאַרווירקלעכונג פון איר אידעאַל אין אַ פיל גרעסערער מאָס ווי איר גרינדער האָט געקאָנט חלומען; און אין פלוג האָט די דאָזיקע באַוועגונג איצט באַדאַרפט שטיין אויפן הויך־פּונקט פון איר אויפבלי.

פאַקטיש, אָבער, מאַכט דורך די ציוניסטישע אָרגאַניזאַציע אַ שווערן מאָראַלישן און פּאָליטישן קריזיס דווקא זינט דעם אויפקום פון מדינת ישראל" (מיין קורסיוו — ר. פ.).

און פלינקער ברענגט אַרויס דעם פאַקט, וואָס ציוניסטן אין אויסלאַנד און ציוניסטישע פירערס רירן זיך ניט פון אָרט, נאָר בלייבן זיצן אין די אַנדערע לענדער?

„פרעגט מען טאַקע אין ישראל וואָס אַמאָל אָפטער און שאַרפער — ציוניזם מאַי קאַ משמע לן? מיט וואָס איז אַ ציוניסט וואָס לעבט אין אַמעריקע, צי אין מערב־אייראָפּע, אַנדערש פון דעם נישט־ציוניסט? ער האָט ליב ישראל? — אַלע יידן האָבן ליב ישראל נישט ווייניקער פון דעם ציוניסט. ער גיט געלט פאַרן מגבית און פאַר די באָנדס? אַלע יידן גיבן געלט פאַר ישראל נישט ווייניקער ווי דער ציוניסט. פרעגט דעריבער דוד בן גוריון זינט אַ ריי יאָרן: נאָך וואָס דאַרף מען היינט האָבן אַ ציוניסטישע אָרגאַניזאַציע, אויב אירע מיטגלידער האַלטן נישט פאַר זייער פליכט עולה צו זיין און דערציען נישט זייערע קינדער צו עליה?".

און דוד פלינקער גיט ווייטער איבער, אַז צום קאָנגרעס וואָס איז פּלאַנירט געוואָרן דורכצופירן אין פעברואַר, 1968 אין ירושלים וועט דער איחוד העולמי ברענגען אַ פאָרשלאָג פונאַנדערצוטיילן די ציוניסטישע אָרגאַניזאַציע און די יידישע אַגענטור, וואָס זיינען די אַלע יאָרן אין קערפּערשאַפט.

„די יידישע אַגענטור וועט זיין אַ קערפּערשאַפט צו וועלכער עס וועלן קענען באַלאַנגען אַלע יידישע אָרגאַניזאַציעס, ציוניסטישע און נישט־ציוניסטישע, וועלכע האָבן אַ פּאָזיטיווע באַציאונג צו ישראל. די אויפגאַבע פון דער יידישער אַגענטור וועט זיין צו שטיצן די מדינה פינאַנציעל און פּאָליטיש, צו זאַמלען געלט פאַר דער עליה און קליטה (אַבסאָרבירונג) פון די עולים און צו באַוועגן יידישע קאַפּיטאַליסטן צו אינוועסטירן קאַפּיטאַל אין די ישראל אונטערנעמונגען, ווי אויך העלפן גרינדן אין דער מדינה נייע אינדוסטריעס (מיין קורסיוו — ר. פ.). איין מאָל אין 4 יאָר וועט פאָרקומען אַן אַלוועלטלעכער צוזאַמענפאָר, אויף וועלכן עס וועלן אויסגעקליבן ווערן די מיטגלידער פון דער יידישער אַגענטור".

און דער ישראל־קאָרעספּאָנדענט זאָגט ווייטער אַזוי:

„מיט אַנדערע ווערטער, די מיטגלידער פון דער יידישער אַגענטור און די אָרגאַניזאַציעס וואָס וועלן באַלאַנגען צו דער יידישער אַגענטור, וועלן זיין פריינד פון דער יידישער מדינה און קיינער וועט פון זיי נישט פאָדערן צו זיין מאַמינים אין דער ציוניסטישער אידעאָלאָגיע״.

פון די און פון אַנדערע באַווייזן זעען מיר, אַז דער בונדיזם האָט ניט קיין סיבה אָנצופירן אָפּגעקעמפטע קאַמפן קעגן ציוניזם. נאָר דאַרף אָנשטאָט דעם ווערן פּאָזיטיוויסטיש און פירן אַ קאַמף אויסצובורייטערן די יידישע סאָציאַליסטישע פּאַרטיי אין די ראַמען פון די נייע באַדינגונגען אין אַ יידישן היימלאַנד און איינצייטיק העלפן באַפעסטיקן די זיכערקייט און פאַרבעסערן דעם עקאָנאָמיש־סאָציאַלן מצב פון דער מדינה.

דער ציוניזם האָט זיינס דערגרייכט „מער וויפל ער האָט געחלומט״ און שפּילט ניט מער קיין ראָלע אין ישראל, הגם ער האַלט נאָך אויף גרויסע אַפּאַראַטן אין אַנדערע לענדער. אָבער דער בונדיזם האָט ערשט פאַר זיך אַ נייעם באַדן — סיי אין ישראל און סיי אין אַלע אַנדערע טיילן פון דער וועלט, וואו יידישע מאַסן געפינען זיך — אַריבערצוטראָגן צו די יידישע שבטים די 70 יאָר דערפאַרונגען פון בונדישע טעטיקייטן אָבער, לויט די נייסטע פאָדערונגען פון דער צייט און פון דער סביבה.

דער „בונד״ און זיין שליחות אין היינטיקן אַמעריקע

כ׳וואָלט ניט געזאָגט, אַז די נייע „בונד״־טאַקטיק, דאַרף ווערן אַ נייע רעליגיע. כ׳וואָלט עס גיכער באַצייכנט אַ „לעבנסשטייגער״, אַ פאָלקס־נוסח, אָדער נאָך בעסער: נוסח פאָלק — ווייל דאָס יידישע פאָלקס־לעבן איבער אַלע וועלט־טיילן איז צעשפּליטערט געוואָרן אין צענדליקער טיילן און די אויפגאַבע פון „בונד״ דאַרף זיין צוריק אַריינ־צובלאָזן אַן עכטן יידישן פאָלקס־לעבן אין די צעזייטע און צעשפּרייטע ישובים פון אונדזער וועלט־פאָלק.

דאָס וואָס דער „בונד״ האָט אין איין פּעריאָד געלייקנט, אָדער ניט אָנערקענט די אַלוועלטלעכקייט פון יידישן פאָלק, איז זיכער געווען אַ שעדלעכער טעות און אַלע יידישע ישובים האָבן איבער דעם געליטן, ווייל דאָס האָט געהאָלפן פאַרשנעלערן דעם אַסימילאַציע־פּראָצעס אין

די קלענערע יידישע ישובים, בעת דער „בונד" האָט אָנגעפירט זיין אַרבעט אין דעם גרויסן, קאָמפּאַקטן יידישן ישוב פון פוילן. עס האָט געפעלט די רעוואָלוציאָנערע אידעאישע קעגנזייטיקע פאַרבינדונג. דער בעסטער ביישפיל זיינען די פאַראייניקטע שטאַטן פון אַמעריקע, וואו עס זיינען אויפגעקומען סאָסייעטיס און לאַנדסמאַנשאַפטן מיט אַ נאָסטאַלגיע צו זייערע געבוירן־ערטער. אָבער די דאָזיקע אָרגאַניזאַציעס האָבן געטראָגן אַן אויסשליסלעכן הילפס־כאַראַקטער. אַפילו דער אַרבעטער־רינג האָט אין אָנהייב געטראָגן אַזאַ כאַראַקטער. דער רייפערער עלעמענט האָט זיך אָפּגעגעבן מער מיט דעם אַלגעמיינעם אינטערנאַציאָנאַלן סאָציאַליזם און די אַמעריקאַנער יידישע מאַסן זיינען געבליבן ווייט הינטערשטעליק אין די פּאָליטישע קאַמפן פאַר אַ נאַציאָנאַלער אויטאָנאָמיע. און דאָס האָט געהאָלפן דערטרייבן צו אַסימילאַציע, ווען אַפילו די סאָסייעטיס האָבן געפּרואווט אָנהאַלטן זייערע שטעטלדיקע אָדער שטאָטישע אידענטיטעט „פון דער אַלטער היים".

דער צושטאַנד פון היינטיקן יידישן ישוב אין אַמעריקע איז ניט קיין פועל יוצא פון איין סיבה און פון איין יאָרצענדליק, נאָר אַ רעזולטאַט פון אַ גרויסן פאַרזען מצד אַ גאַנצן דור פירערס וואָס האָבן זיך ניט געכאַפּט, אַז אַזאַ פרוכטבאַרער באָדן פאַר ייִדיש־סאָציאַליסטישער טעטיקייט איז פאַרשווענדט געוואָרן אויף מינימאַלע קלייניקייטן, אָדער איז אַוועקגעפירט געוואָרן אויף אַנדערע רעלסן.

מיר זיינען עדות פון דעם וואָס ס'טוט זיך אָפּ ביים היינטיקן טאָג אין דעם גרעסטן יידישן ישוב פון דער גאַרער וועלט מיט זיינע העכער 5 און האַלבן מיליאָן יידן: אין אַלע היגע יידישע אינסטיטוציעס האָט זיך אַנטוויקלט אַ ביוראָקראַטישע, קאָנסערוואַטיווע, כבוד־זוכערישע אָנפירערשאַפט און אַפילו אין די דעמאָקראַטישע אָרגאַניזאַציעס איז די לאַגע ניט קיין סך קיין בעסערע. מיט אַלע רעליגיעזע, וועלטלעכע, פילאַנטראָפּישע, נאַציאָנאַלע, פּסעוודאָ־פּאָליטישע און קולטורעלע אָרגאַניזאַציעס איז דער יידישער ישוב אין אַמעריקע אַ צעשפּליטערטער און איז ניט קיין רעפּרעזענטאַטיווער, וואָס זאָל האָבן דאָס רעכט צו רעדן אין נאָמען פון גאַנצן יידישן ישוב אין לאַנד.

אָט פאַרוואָס ס'איז וויכטיק און נויטיק אויסצונוצן וואָס שנעלער די פּאַרשפּעקטיקטע שעה און פּרואוון אַרויספירן אויף ריכטיקע רעלסן דאָס יידישע פאָלקס־לעבן פון אַמעריקע כל זמן מיר האָבן נאָך די מענטשן און די קאָמוניקאַציע־מיטלען צו דערגרייכן די מאַסן. ס'איז נאָך אַלץ דאָ צייט

צו שאַפן אַ רעפּרעזענטאַטיווע אינסטאַנץ — צי איר וועט עס אָנרופן קהילה, אָדער קאָנגרעס, צי אַן אַנדער נאָמען; אַ קערפּערשאַפט וואָס זאָל קענען קריגן דאָס רעכט באמת צו פאַרטרעטן אַלע שיכטן פון יידישן ישוב.

און ווידער זאָג איך, אַז דער „בונד", אויב ער זאָל נאָר ניט זיין קורצזיכטיק און פאַרווירט פון אַמאָליקע גלאָריעס, קען — מיט שווערער מי און גרויס געדולד, מיט אַ סך קרבנות־גרייטקייט און פאַרשטענדיקונג — ווערן יענער הייוון, וואָס מיט זיין הילף וועט אויפגיין אַזאַ אָרגאַניזיר־טער יידישער פאָלקס־כוח אין אַמעריקע מיט אַלע וויטאַליטעטן וואָס די היגע יידן פאַרמאָגן, נאָר וואָס ווערן ניט ווי געהעריק אויסגענוצט. צו דעם פאָדערט זיך גלויבן אין אייגענע כוחות, אין די באַהאַלטענע כוחות פון די צעשפּליטערטע פאָלקס־שיכטן און אין קיום פון אונדזער וועלט־אומה.

די פראַטערנאַלע יידישע אָרגאַניזאַציעס, ווי דער „אַרבעטער־רינג", „נאַציאָנאַלער אַרבעטער־פאַרבאַנד" און אַפילו די לאַנדסמאַנשאַפטן הייבן אָן פאַרלירן זייער פראַטערנאַלן און וואוילטעטיקן כאַראַקטער. די דאָזיקע פונקציעס נעמען איבער די שטאַט־פאַרוואַלטונגען, די רעגירונגס־אינס־טאַנצן (סאָציאַלע פאַרזיכערונג, אַרבעטסלאָזיקייט־פאַרזיכערונג, מעדיצין־הילף פון דער פעדעראַלער רעגירונג און פון סטייט און דאָס גלייכן...). די יידישע דערציאונג און שול־באַוועגונג ווערט אָנגעפירט דורך דריי באַזונדערע קערפּערשאַפטן און אונדזער ירושה הייבט אָן אַריבערגיין אין אָפּגעפרעמדטע — אויב ניט קיין פרעמדע — הענט.

איז איצט די צייט צו געבן אַ נייעם קער און ווענד דעם געשיכטלעכן גאַנג פון יידישן לעבן אין אַמעריקע און דער „בונד" דאַרף זיין דער שטויס־געבער און מוז זיך געפינען אין אַוואַנגאַרד.

סך־הכל פון געדאַנקען און באַטראַכטונגען

פון דעם ביז איצט געטראַכטן און אַרויסגעזאָגטן לאָזן זיך פאָר־מולירן די וויטערדיקע קאָנקרעטע פונקטן וועגן „בונד" און זיין אַלוועלט־לעכער ראָלע און וועגן „בונד" און זיין ראָלע אין אַמעריקע:

1. דער וועלט־קאָאָרדיניר־קאָמיטעט פון „בונד" דאַרף און קען ווערן

די וועלט־אָרגאַניזאַציע פון די יידישע סאָציאַליסטישע פּאַרטייען, וואָס פירן אָן אַ טעטיקייט אין די עקזיסטירנדקע יידישע ישובים.

2. דער וועלט־קאָאָרדינירן קאָמיטעט פון „בונד” איז אָנגעשלאָסן אין דעם סאָציאַליסטישן אינטערנאַציאָנאַל און פאַרטרעט די יידישע סאָציאַליסטישע פּאַרטייען, וואָס זיינען טעטיק אין די יידישע ישובים וואו די יידן שטעלן מיט זיך פאָר אַ מינדערהייט אין לאַנד.

3. דער יידישער ישוב אין ישראל ווי אַ מלוכה מיט אַ נאַציאָנאַלער ווירטשאַפט און ווי דאָס אורא̈לטע יידישע היימלאַנד, מוז באַטראַכט ווערן ווי איינער פון די וויכטיקסטע יידישע ישובים פון יידישן פאָלק און דעריבער דאַרף זיין אין ישראל דאָס זיץ־אָרט פון וועלט־קאָאָרדיניר־קאָמיטעט פון „בונד”.

4. דער קאָאָרדיניר־קאָמיטעט דאַרף בעיקר זיך ווידמענען צו די פּאָליטיש־נאַציאָנאַל־קולטורעלע פּראָבלעמען פון די דעמאָקראַטיש־סאָציאַליסטישע טיילן פון אַלע ישובים.

5. ער דאַרף שטרעבן און קעמפן דערפאַר, אַז אין יעדן יידישן ישוב, וואו די יידישע באַפעלקערונג איז אַ מינדערהייט, זאָל עקזיסטירן און ווירקן איין סאָציאַליסטישע פּאַרטיי, וועמענס אויפגאַבן זאָלן זיין אויסשליסלעך די פּאָליטיק פון לאַנד און די פאַרשטענדיקונג מיט דער אַלגעמיינער סאָציאַליסטישער פּאַרטיי אין לאַנד.

6. דער וועלט־קאָאָרדיניר־קאָמיטעט פון „בונד” מוז קעמפן פאַר דער אָנערקענונג פון דער יידישער שפּראַך ווי די צווייטע נאַציאָנאַלע שפּראַך פון יידישן פאָלק אין ישראל, אָרגאַניזירן פאַרן דאָזיקן צוועק אַ צוזאַמענפאָר, וואָס זאָל פאָרקומען אין ישראל. באַקעמפן מיט אַלע כוחות דעם איבערגעטריבענעם שאָוויניזם אין ישראל — אָבער רופן צו שטיצן אומרעזערווירט דעם ווילן פון גאַנצן פאָלק און פון דער רעגירונג צו פאַרטיידיקן דאָס לאַנד און צו פאַרזיכערן ישראלס גרענעצן קעגן אַטאַקעס מצד קריגערישע שונאים. טאָן אַלץ אויף צו העלפן דערגרייכן דירעקטע פאַרהאַנדלונגען מיט די אַראַבישע מלוכות כדי צו דערגרייכן אַ דויערנדיקן, ווירדיקן שלום.

7. נעמען די איניציאַטיוו צו גרינדן אַלגעמיינע יידישע קהילות אין די ישובים, וואו אַזעלכע זיינען ניט פאַראַן, וואו עס זאָלן פריוויליק קענען זיך אָנשליסן אַלע די, וואָס אָנערקענען זיך פאַר יידן — קהילות געבויט אויף אמתע דעמאָקראַטישע יסודות.

8. ס'איז געקומען די העכסטע צייט צו פאַראייניקן די צוויי יידישע סאָציאַליסטישע פּאַרטייען, צווישן וועלכע עס זיינען פאַראַן זייער קליינע חילוקי־דעות. דער „סאָציאַליסטישער פאַרבאַנד" און דער „בונד" דאַרפן אונטער אַלע אומשטענדן פאַראייניקט ווערן אין איין שטאַרקערער סאָציאַ־ליסטישער פּאַרטיי. די אויפגאַבן פון אַזאַ פאַראייניקטער יידיש־סאָציאַליס־טישער פּאַרטיי דאַרפן זיין אויסשליסלעך נאָר פּאָליטישע ענינים וואָס האָבן אַ שייכות צו דער פעדעראַלער רעגירונג, סטייט און לאָקאַלע שטאַטישע ענינים. נאָר אַזאַ פאַראייניקטע פּאַרטיי דאַרף זיין באַרופן אָנצונעמען באַ־שלוסן, געבן דירעקטיוון, אַרויסצוגעבן אַ שריפט געווידמעט די דאָזיקע ענינים און אָנצופירן די פּאָליטיק אַרום די אַלגעמיינע יידישע בירגערלע־כע אינסטיטוציעס.

9. די קולטור־אַרבעט, פאַרלאַג־וועזן און די יידישע שול־באַוועגונג דאַרף קאָנצענטרירט ווערן אין דעם „וועלט־קאָנגרעס פאַר יידישער קולטור" מיט באַזונדערע אָפּטיילונגען אויף יעדן געביט (אַלע דריי שול־באַוועגונגען קאָנען זיך אייניקן אין איין גרויסער געזונטער שול־אָרגאַניזאַציע).

10. די פראַטערנאַלע אָרגאַניזאַציעס ווי „אַרבעטער־רינג", „נאַציאָנאַ־לער אַרבעטער־פאַרבאַנד" דאַרפן באַפרייט ווערן פון פּאָליטישער קולטור־אַרבעט און בעסער צוזאַמענגעשמידט ווערן אין איין מעכטיקער אָרגאַני־זאַציע פאַר די פראַטערנאַלע און אַסעקוראַציע־טעטיקייטן, אָבער בעיקר קענען זיי ווערן דער רוקן־ביין און די קאָנסומענטן פון אַן אָרגאַניזירטן יידישן קהילה־לעבן אין אַמעריקע און דינען ווי אַ מאַסע הינטער אַלע טעטיקייטן פון יידישן לעבן אין לאַנד.

נאָכוואָרט

וואָלט איך געווען מיט אַ 35־50 יאָר יינגער, וואָלט איך דעם סך הכל פאַרענדיקט מיט אַ פלאַם־פייערדיקן נביאישן רוף און אפשר געוואָרן אַן אָרגאַניזאַטאָר דורכצופירן, מיט אַ צאָל אָנהענגערס פון די גע־דאַנקען, די אויבן־דערמאָנטע פאָרמעסטן. כ'בין זיכער אַז איך וואָלט דערגרייכט ממשותדיקע רעזולטאַטן.

כ'נאַר מיך ניט אָפּ און כ'וויס גאַנץ גוט, אַז טייל מענטשן זיינען אָנ־

געשטעקט מיט אומגלויבן, מיט סקעפּטיציזם און פאַראַן אַפילו געגוג ציניקערס וואָס וועלן אַלץ פאַרלאַכן און צונישט מאַכן, ווייל זיי איז פרעמד דאָס געפיל פון בויען און די פרייד פון אויפגעבויטע בנינים.

כ׳לייג זיך אויך ניט קיין פייגעלע אין בוזעם טראַכטנדיק, אַז אַט באַלד וועט מיין וואָרט דערהערט ווערן פון איין עק וועלט ביזן צווייטן. ווער בין איך? — סוף כל סוף — אַ פּשוטער יידישער פאָלקס־מענטש. כ׳בין ניט דורכגעגאַנגען קיין אוניווערסיטעטן, כ׳האָב בלויז די דערפאַרונג פון אַ יידישן אַרבעטס־מענטש, וואָס איז דורכגעדרונגען מיט ליבע צו זיין שטאַם און מיט אַן אומגעשטילטן הונגער פאַר יושר און גערעכטיקייט. איך בין איינער פון די לעבן געבליבענע עדות, וואָס האָט געזען אַ צעבליט יידיש לעבן פאַרן דריטן חורבן און אויך איינער וואָס האָט צוזאַמען מיט נאָך ברידער פאַרלאָרן די טייערסטע און ליבסטע נאָענטע חברים און אייגענע אין דער דייטשישער שחיטה פון אונדזער פאָלק.

צו דעם גאַנצן קורצן סך־הכל בין איך געקומען אין דעם 70טן יובל־יאָר פון „בונד", וואָס טרעפט זיך צונויף מיט דער זעלבער יובל־דאַטע פון ציוניזם, וואָס איז אויך געבוירן געוואָרן אין יאָר 1897. נישט די ציוניסטן און ניט די בונדיסטן דאַרפן זיך פאַרנעמען מיט דעם לאַנגיאָריקן בירגער־קריג, וואָס האָט אָנגעהאַלטן צווישן די צוויי פאַרטייען.

דיביידע פאַרטייען האָבן גענוצט אַנדערע קאַמפס־מיטלען און געהאַט פאַר זיך אַנדערע צילן. אָבער אין לאַנגן סך־הכל האָבן מיר אַלע איין ציל — דעם וואוילזיין פון יידישן פאָלק און דעם שלום צווישן די פעלקער פון דער וועלט, אַז יעדער פאָלק באַזונדער זאָל קענען לעבן זיין אייגן לעבן.

אין אונדזער עפּאָכע — ווי נאָך קיינמאָל ניט אין דער גאַנצער וועלט־געשיכטע — האָבן מיר צוגעזען צוויי וועלט־מלחמות, די בלוטיקע אָקטאָבער־רעוואָלוציע, וואָס האָט געזאָלט באַפרייען רוסלאַנד און איינפירן סאָציאַליזם. אָבער די „באַפרייערס" זיינען געוואָרן פאַרשקלאַפערס; דער גרעסטער וועלט־מערדער היטלער און זיינע אַרויסהעלפערס וואָס האָבן זיך פאַרמאָסטן טאָטאַל צו פאַרניכטן אונדזער פאָלק, איז אויפגעקומען, האָט פאַרברענט, פאַרגאַזט מיליאָנען און די וועלט האָט געשוויגן; אונדזערע אויגן האָבן דערלעבט צו זען די מפּלה פון אַזעלכע מאַסן־מערדערס און שונאים פון דער מענטשהייט און מיר האָבן דערלעבט צו זען די גרינדונג

און דעם ווידערגעבורט פון דער יידישער מדינה; אין אונדזער אַטאָמישער עפּאָכע זיינען מיר עדות פון נייע מלחמות, וואָס באַדראָען ווידער זיך צו פאַרשפּרייטן אין אַנדערע לענדער, סיידן רואיקע בעלי־מוחות וועלן איבער־נעמען דעם קאָנטראָל; אין אונדזער דור האָבן מיר אויך געזען, אַז אויף די חורבות פון אונדזער האָב־און־גוטס קומען אויף נייע סימנים פון יידיש לעבן, וואָס ווילן ווערן אַ יש, ווידער ווערן וועלט־פאָלק און בלייבן אַ פירנדיקער כוח צווישן פעלקער פון דער וועלט — אַ כוח פון בויען, און ניט פון צעשטערונג — ווי מיר זיינען עס געווען אין משך פון יאָר־טויזנטער.

אָט דער געווּנטשענער כוח, פיל איך, איז אונדז בייגעשטאַנען און מוז אונדז ווידער ביישטיין אין אונדזער ווילן צו דערגרייכן נייע הויכן סיי צווישן אונדזערע אייגענע מאַסן, סיי ווי יידישע סאָציאַליסטן צווישן פרייהייט־ליבנדיקע פעלקער אויף דער וועלט.

כ'וואָלט ניט אָנגערופן די אַלע געדאַנקען מיינע ווי בלויז אַ זאַך צום חלומען — כאָטש אָן חלומען איז ניטאָ קיין וואָר — נאָר ווי פּלענער צו אינספּירירן שעפערישע געשולטע טראַכטערס אויף צו פאַרוואַנדלען זיי ביסלעכווייז אין מעשים. דאָס איז געווען און פאַרבליבן מיין אויפ־ריכטיקסטע כוונה ביים אַרויסברענגען אַ צאָל געדאַנקען אויף מיין אייגע־נעם שטייגער.

ניו־יאָרק, יאַנואַר 1968.

אינהאַלט:

זייט

פאָרוואָרט — 1

די בונדישע פּליטים — 3

דער „בונד" נאָך דער מלחמה — 8

מיט אַכט יאָר שפּעטער — 11

נאַציאָנאַלע פּראָבלעמען — 15

ווער צו ווע מען זאָל זיך צופּאַסן? — 17

דער „בונד" און דער יידישער ישוב אין ישראל — 18

דער „בונד" און די זעקסטאָגיקע מלחמה — 23

ניט אונטערשאַצן, נאָר איבערשאַצן — 29

און וואָס איז מיט אַנדערע יידישע שבטים? — 34

דער „בונד" און זיין שליחות אין אַמעריקע — 41

אַלגעמיינער סך-הכל — 43

נאָכוואָרט — 45